שלום-עליכם (1885)

# קאָנטאָר=געשעפט

א דראמע אינ 2 מעליצע־בריוו, 18 האנדלס־בריוולעכ און 20 דעפעשנ*

(צונויפגעקליבנ דורכ שאָלעמ־אלייכעמ)

פערזאָנענ:

| | |
|---|---|
| רוווּנ שנעל (רובעליוס)<br>שימענ ברענ (זימאָנ) | 2 אלטע גוטע-ברידער. |
| פיַפּערמאנ<br>בענזנשמאיצ<br>פע,לזאָנ | קאָמיסיאָנערנ אינ קעניגסבערג. |
| ליווי שפיגעלבאנק | — עקספּעדיטאָר. |
| עסטער־ליפּשע | — זיַינ זוגאָסי. |
| יאקאָב שטערנ־אָ־ג<br>פרידעל פּעמפּיק | ראָסטאָווטשיקעס. |
| הער קעלבערקאָפּ | — אדוואָקאט, טשאסטני פּאָווערעני. |

I

טיַערסטער פריַינט ר ו וו נ ש נ ע ל!

ווי א רעגנ טוענ טריפנ מיַינע טרערנ, און ווי א קוואל זעיענ
געוואָרנ מיַינע אויגנ. גאָט האָט געטראָפנ זיַינ פיַילנבויגנ, און
זיַינע שארפע פיַילנ האָבנ געשפאָלטנ מיַינע נירנ! ·אינגאנצנ
זיַינ גרימצאָרנ האָט ער אויסגעגאָסנ אפ מיַינ קאָפּ, און זיַינ רעכטע

* די יאָיקע בריוו מיט די דעפעשנ האָבנ זיכ פארוואלגערט צווישנ
מיַינע „אַ־ב־ג געכאפטע בריוו אפ דער פּאָסט", וועלכע זענענ געגאנגענ אינ
„פאָלקסבלאט" אינ 1833—1884 יאָר. אזוי ווי איר קוקט זיי אָנ, אזוי זענענ זיי,



האנט האָט גערוט אפ מיר! ער האָט אָנ דערבארעמונג ארויפגע־
קומענ די קרויג פונ מיַינ קאָפּ און האָט מיכ איַינגעבויגנ שטארק —
שטארק ביז צו דער ערד! דורכ א פּעגנעטער איז ארײַנ דער פּאר־
שניַידער, דורכ א שפּארונקעלע האָט זיכ אריַינגעגאנוועט דער
טויט און האָט אויסגעריסנ בא מיר מיטנ וואָרצל מיַינ גאנצנ כוּעס,
די נעשאָמע פונ מיַינ אָטעמ, מיַינ ליכט און מיַינ האָפענונג, מיַינ
טיַיערע מוטער, איר נעשאָמע זאָל איַינגעבונדנ ווערנ אינ דעמ
אייביקנ בינטל!!! זי איז נאָכ געווענ אינ די בעסטע מיטעלע יאָרנ,
אירע בייגער זענענ נאָכ געווענ פול מיט דעמ קויעכ פונעמ לעבנ —
פלוצעמ האָט זי דער אלמעכטיקער גאָט צו זיכ צוגענומענ —
און מיכ!.. מיכ האָט ער געלאָזט ווי אנ אָקרעמט אינ מיטנ יאמ;
די אינדנ ווארפנ מיכ ארומ ווי א מיאָמשיקל, און איכ בינ גע־
גליכנ צומ פארבלאָנדזשעטנ רײַזנדער אינ דער מידבער צווישנ
כײַעס־ראָעס, צווישנ שלאנגענ און עגדעשנ, צווישנ, צווישנ...
אכ, בעסטער פריַינט! ווער נאָכ פארשטייט אזוי פיל מיַינ בראָכ,
ווי דו פארשטייסט? איכ האָב געיאָרשנט פונ מיַינ מוטער 150 טויזנט
רובל אכוץ גאָלד און זילבער און דימענטנ... א הויז פונ 10 טויזנט
רובל מיט זייער פיַינע מעבל... מאלבושימ אלערליי... א קארעטע... נאָכ
א קארעטע... 2 גרויע פערד... 4 קארע פערדלעכ... אָט די פערדלעכ, וואָס
מיר זענענ מיט זיי אמאָל צוזאמענ געפאָרנ, געדענקסטו, געדענקסטו?
איכ וואָלט זייער געוואָלט וויסנ, וואָס וועט היַינט עפּעס זאָגנ
רעב סימכע רעב לייבעלעס, אז ער וועט מיכ דערזענ אינ ק...
אפ קאָנטראקטנ מיט דעמ גוטנ ראָק, מיט די גוטע ברענענדיקע
פערדלעכ, אינ דעמ שענסטנ גאסטהויז, און ארומ מיר דרייענ
זיכ ארומ עפּעס א צענדליק מעקלערלעכ און גלאט אזוי יידעלעכ,
וועט ער א פרעג טאָנ: „שא, ווער איז דאָס עפּעס?" „ווער איז
דאָס? דאָס איז דאָכ רעב שימעלע ברענ, רעב שימעלע רעב
מייערס!" „הא? וואָס? וועלכער רעב שימעלע?" „רעב שימעלע
פייגעס, אונדזער רעב שימעלע פונ קוקעליוווקע... ער האָט געקויפט

אויסער די צוויי ערשטע מעליצע־בריוו, וועלכע איכ האָב נאָר איבערזעצט פונ
העברעיִש אפ זשארגאָנ, און וויַיטער האָב איכ נישט מויסיפ געווענ מיַינס אפילע
א האלב וואָרט; אפילע קיינ לאגע „האקדאָמע" מיט א לידל צומ סאָפ, ווי דער
שטייגער איז בא אונדזערע מעכאברימ, האָב איכ אויכ נישט געוואָלט צוזעצנ,
מאכמעס איכ בינ ניט קיינ „מעכאבער", נאָר א צונויפשטעלער, דאָס הייסט קי־
באָט אנ ארויסגעבער לעהאוודל...

שאָלעמ־אלייכעמ.

מייט עלעפּ פּוד צוקער בא בראָדסקין און וויל קויפן עפּעס א האלבן מיליאָן פּודעלעך ווייץ מיט א מיליאָנעכן קאָרן!"...

איך שטעל מיר פאָר די נאָז מיט די גרימאסן פון רעב סימכע רעב ליבעלעס! און וועבעלמאנען? ער וועט דאָך יאָ צעשפּרונגען ווערן פאר קינע! געדענקסטו כאָטש דאָס גרויסקײַט, וואָס ער פלעגט שפּילן אקעגן מיר? און די מאדאם פידעלהאָלצ? זי האָט זיך גאָר ניט געוואָלט אפילע באגעגענען מיט מײַן פרוי! אָבער הײַנט?! הײַנט, אז דער אלמעכטיקער גאָט האָט ארויסגעצויגן די שווערד פון איר שייד און האָט א בלאָז געטאָן מיט זײַן שטארקן אָטעם ווי א שטורעמווינט און האָט אנטפּלעקט מײַן גרויסן אומגליק פאר די אויגן פון דער זון און מײַן טײַערע אונפארגעסנדע מוטער איז אוועק אין איר אייביקן רו אַרײַן אונטער די פליגל פון דער שכינע, הײַנט, אז איך בין געבליבן א יאָסעם ווי א ליידיקער אײַלבערט־בוים אין דער וויסטעניש, ווען ער וואַרפט אראָפּ פון זיך זײַנע בלעטער, אָדער ווי אן אינד, וואָס טוט שרײַען אף די אויסגאנגען פון די וואכערן צווישן די געמארקן, אָדער ווי א בלינדער, וואָס טאפּט אין דער פינצטערניש, אָדער ווי א... א... א... מײַן הארץ טוט אף מיר שרײַען מיט א גרויס שאלונג, איך גיי ארום ווי א דערשטויסענער, און מײַן פעדער ציטערט מיט א גרויס ציטערניש, און מײַנע פינגער! נעכטן איז צו מיר אַרײַנגעקומען רעב אהרן ריגדנפליש, קלוימערשט מעגאכעמ־אָוול זײַן; אהינ־אהער, ביז ער איז ארוף אף זײַן אייסעק און האָט מיר פארגעלייגט צו האנדלען מיט אים אָקסן צוזאמען... ער שטעלט מיר פאָר גאנצ גרויסע גליקן... מע דארף אָבער אַרײַנלייגן מיטאמאָל א היפּשן קאפּיטאל... איך ווייס ניט; איך וועל זיך נאָך באטראכטן... מײַן פאָניטשקע געפעלט נישט קיין אָקסן.. זי וויל ניט, אז איך מאַן זאָל פּלוצעם ווערן א קאצעוו... מיר געפעלט דאָס אויך ניט... זעסטו, דער וואלד איז פאר מיר דאפּקע יאָ א געשעפט... מוישע האָלצמאן וויל מאכן מיט מיר א שוטפעס... מוישע האָלצמאן איז גאנצ רײַך, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער מיך געפרעגט, צי איך וועל אים געבן א 20 טויזנט רובל ביז קווער קאָנטראקטן... הא? ווי מיינסטו? מע מעג אים געטרויען? אך, ווי אָנגענעם דאָס איז, ווען יענער קומט אָן צו דיר! ער גייט גאָר אַרײַן אנדערש... מיט א פּאַרטיק שמייכעלע... ער פרעגט זיך אויס פון דײַן געזונט... ער באטראכט דאָס מעבל... ער לויבט די קינדער... ער קוועלט פון יעדער נארישקײַט... ער פרעגט זיך



בא דיר אָן אן אייצע... ער הייבט דיך אוף ביז דעם הימל און זאָגט גאָר נישט ניין!... אָ! מײַן זעליגע מוטער (איר נעשאָמע אין גאניידן!) האָט גוט געקאָנט די וועלט! ווען איך רעד פון איר, טוען אין מיר ברומען מײַנע געדערים און טײַכן טרערן פליסן פון מײַנע אויגן!... דאָס ליכט פון מײַנע אויגן איז אָפּגעטאָן פון מיר, און אפילע די ליכטיקע זון איז פארגאנגען אין איר פּוטערפאס, און דאָס פינצטערניש פון איר פינצטערקײַט איז נאָך פינצטערער פון... פון... פון... יאָ! גוט, וואָס איך האָב מיך דערמאָנט! אזוי ווי איך האָב געהייסן אויסקלעפּן מײַן קאבינעט מיט פינצטערע שפּאליר (טאפּעטן), אלקיין בעט איך דיך, בעסטער פרײַנט, טאָמער קאָנסטו קויפן פוג־מײַנעטוועגן עפּעס א טונקל רעכט מעבלצײַג נאָך דעם מוסטער, וואָס איך שיק דיר מיט דעם דאָזיקן בריוו... מעגסט נעמען אף מײַן כעזשבן 2 שטיקלעך, גאנצע שטיקלעך, און שיק מיר טייקעף צו מיט דער ערשטער פּאָסט, מאכמעס איך האָב נאָך פיל ארבעט בא די איבעריקע כאדאָרים; כוץ־לאָזע האָב איך נאָך צו טאָן מיט א פּאַרטאָפּיאַנע... מײַן פרוי האָט ערשט יענע וואָך אָנגעהויבן לערנען שפּילן פּיאַנע... גאנצ פײַן, אז מע קען שפּילן פּיאַנע... ווער שמועסט, אז מע קען נאָך דאצו שפּילן אף דער וויאָלינ (פידל), אָדער אף דער פיסגארמאָניע!.. קום צו מיר צוגאסט, אף עטלעכע טעג כאָטש, בעסטער פרײַנט! איך פארהאָף, אז דיר וועט ניט זײַן אומעטיק בא אונדז... מײַן פאָניטשקע גאָרט דיך צו זען... אויסער דעם איז בא אונדז יעצט געוואָרן א שטיקל קאָמפּאניע, און מע נעמט אמאָל א קערטל אין דער האנט אויך, ווי דו האָסט ליב... איך קוש דיך טויזנט מאָל און פארבלײַב דײַן דיך ליבנדער פרײַנט, וואָס טרויערט אצינד אף זײַן טײַערסטער מוטער, ווי א יונגע פרוי אף איר ליבנדן מאן, ווען ער גייט אוועק אין די ווײַטע לענדער אַרײַן, דאָרט, ווו די מענטשן זענען געגליכן צו די כײַעס־ראָעס, וואָס פרעסן איינס דאָס אנדערע, דאָרט, ווו דער הימל גייט זיך צונויף מיט דער ערד, דאָרט, ווו דער טאָג איז נאכט, און די נאכט איז טאָג, דאָס הייסט, ווו דער טאָג איז געגליכן צו דער נאכט, און די נאכט איז געגליכן צום טאָג...

דײַן עוויגער פרײַנט

שימען ברען.

II

## בעסטער פרײַנט שימען ברען! =

װען מײַן האַרץ זאָל זײַן אַ שטײן, מײַן לײַב — אײַזן, מײַנע שטערן — קופּער, װאָלט איך אױך באַדאַרפֿט צעגאַנגען װערן װי אַ שטיק װאַקס, לייענענדיק דײַן גרױסאַרטיקן מעליצע־בריװ! עס װוּנדערט מיך, ליבער פֿרײַנט, װאָס דו שרײַבסט ניט אַרײַן אַמאָל אין אַ צײַטונג; דײַנע װערטער זײַנען דאָך גלײַך צו גילדערנע עפּל אין זילבערנע אײַנזעצן; דײַן מױל טוט טריפֿן כאָכמע, און דײַנע לעפֿצן — װיסנשאַפֿט; דײַן צונג איז ריין גאָלד זיבן מאָל געלײַטערט, און דײַנע געדאַנקען זענען שטאַרק ביז די הױכקײַט פֿון עמו היכל! װער איז גלײַך צו דיר, װער איז געגליכן צו דיר, און װער קאָן זיך גלײַכן צו דיר, מײַן טײַערער — ליבער — גוטער — בעסטער — זיסער — הױכער — ליכטיקער — געבענטשטער — רײַכער פֿרײַנט!.. נאָר אַף אײן זאַך טוט זיך אַף מיר מײַן לײַב אײַנבײגן, און מײַן האַרץ טוט אַף דיר שאַלן מיט אַ גרױס שאַלונג, װאָס דו טרױערסט אַזױ אַף דײַן זעליקע מוטער און לאָזט זיך גאָר קײן טרײסט נישט צו! דו װײסט דען ניט, בעסטער פֿרײַנט, אַז דער טױט איז אַן אומדערבאַרמיקער מערדער? ער (דער טױט) קוקט נישט אַף קײן זאַך אין דער װעלט; ער (דער טױט) איז געגליכן צו אַ װילדע כײַע, װאָס פֿאַרצוקט אָן ראַכמאָנעס!.. מיר מוזן אַלע זײַן אָנגעגרײט און צוגעגרײט צום טױט, און קײנער פֿון אונדז װעט אים נישט אױספֿעלן! קײן גאָלד און קײן זילבער װעט ער בײַ דיר אױסלײזונג נישט נעמען! הײַנט װאָס װעט דיר העלפֿן דײַן געװײן, װאָס װעלן דיר געבן דײַנע טרערן? עמעס, דײַן זעליגע מוטער איז אַװאַדע געװען אַ הױכגעשעצטע און פֿילגעליבטע פֿרױ, און איר נאָמען איז איבערגעבליבן װי אַ בענטשונג צװישן דער אײדע פֿון די ייִדן, — אָבער װאָס קענען מיר העלפֿן מיט אונדזער קלאָגן און טרױעריק זײַן, אַז לעבעדיק װעלן מיר זי שױן ניט מאַכן, און דאָס, װאָס גײט אַװעק אין דעם אָפּגרונט פֿון פֿאַרגעסעניש, װעט זיך שױן אײביק און אײביק נישט אומקערן, פּונקט װי אַ שערבל, װאָס װערט צעבראָכן, װי אַ שאָטן, װאָס גײט איבער, און װי אַ כאָלעם, װאָס פֿליט אַװעק!!!.. שטײ אױף, שטײ אױף, מײַן פֿרײַנט! נעם װאַרף אַראָפּ דעם אַש פֿון דײַן קאָפּ! צי אַראָפּ פֿון זיך די צעריסענע קלײדער און װיש אָפּ די טרערן פֿון דײַן פּאָנעם, שטאַרק זיך און קרעפֿטיק זיך — און



זײַ אַ מענטש!!!.. אױסער דעם דאַרפֿסטו נישט פֿאַרגעסן, אַז דו ביסט נישט מער װי אַ לעבעדיקער מענטש, האָסט אַ װײַב מיט קינדערלעך, דו האָסט נאָך אַ גאַנצע װעלט פֿאַר זיך! און לעמײַ זאָלן מיר זיך דאָ נאַרן? דײַן מוטער (זאָל רוען אין גאַנײדן!) איז אַװאַדע געװען אַ געשעצטע פֿרױ... דו האָסט זיך אָבער ביז אַהער פֿון קײן װעלט נישט געװוּסט!.. זי איז אַװאַדע געװען אַ גאָטספֿירכטיקע און װױלטעטיקע ייִדענע, אָבער צי האָסטו אַפֿילע אַ טאָג געלעבט אָן צאָרעס, אָן יעסורים, אָן האַרצװײטעק?.. װער װײסט נאָך אַזױ, װי איך װײס, װיאַזױ דו פֿלעגסט נעבעך אױסגעריסן װערן און פּאָשעט אױסגײן אינמיטן גאַס פֿאַר אַ גראָשן? גלאַט, עס פּאַסט עפּעס ניט און עס איז טאַקע בעעמעס נישט רעכט צו רעדן לאָשן־האָרע, אױבפֿראַט אַף אַ געשטאָרבענעם... נאָר דעם עמעס מעג מען דאָך זאָגן אַפֿילע אַף דעם אײגענעם טאַטן... דײַן מוטער איז דאָך געװען אַ מאַרשאַס, װאָס מע קריגט דאָס גאָר ניט הײַנטיקע צײַטן צװישן ייִדן!.. איר גאַנצע לעבן האָט זי נאָר געװוּסט זאַמלען אַ גראָשן צו אַ גראָשן, גײן קרוע־בלוע, רײַסן פֿון די אָרעמעלײַט פּראָצענט, אַלײן אױסגײן פֿאַר הונגער און יענעם אױך נישט געבן קײן שטיקל ברױט. און אַפֿילע דער אײגענער בען־יאָכיד זאָל דאַרפֿן לײַדן הונגער און קעלט, דערנסטמאָל װען בײַ דער מוטער אין קאַסטן ליגן צװײ הונדערט טױזנט רובל געלט!.. עמעס, ברודער, דער טױט איז אַװאַדע אַ פּלאָג, אַ גאָטס שטראָף, אַן אױסגיסעניש פֿון זײַן ליבן נאָמען — יעדע זאַך דאַרף דאָך אָבער האָבן אַ גרונט מיט אַן עק! — גענוג, ברודער לעבן, גענוג דיר צו קלאָגן! נעם שטײ אױף און קוק זיך אָקאָרשט אַרום אַ ביסל: — שױן צײַט אַ ביסל לעבן אַף דער װעלט!!!... דײַן באַקאָשע װעגן דעם מעבלצײַג האָב איך געפּאָלגט אַף דעם בעסטן אױפֿן און שיק דיר דורך דער פּאָסט דאָס בעסטע מעבלצײַג, װאָס געפֿינט זיך בײַ אונדז אין גראַבנײַלאָװקע; עס באַטרעפֿט 138 רובל מיט 60 קאָפּיקעס... איך האָב זיך געדונגען, גלײב מיר, גאַנץ גוט, גלײַך װי פֿאַר מײַנס אַלײן... װעגן דעם, װאָס דו שרײַבסט מיר פֿון ר׳ אַרן רינדנפֿלײש מיט די אָקסן, זאָג איך, אַז דײַן װײַב איז זײער גערעכט... דאָס איז נישט פֿאַר דיר קײן מיסכער האַנדלען מיט אָקסן... דאָס װאַלד־געשעפֿט מיט מױשע האָלצמאַן בעשוטפֿעס געפֿעלט מיר אױך גאַנץ װיניק: איך האָב מוירע, דו זאָלסט נישט פֿאַטערן דעם קאַפּיטאַל אין אײנע צװײ־דרײַ יאָר... אַן אַװײדע, כ׳לעבן, װערן פֿון אַן אױשער װײַטער אַ קאַפּצן!.. איך װיל זיך נישט אַרײַנמישן אין יענעמס געשעפֿטן, דו קענסט דאָך מיך;

נאר ווען דו זאלסט מיך ווען פאלגן, וואלט איך דיר פארגעבן יא א גליקלעכן געשעפט, פון וועלכן דו וואלסט געקענט ווערן א מיליאנער אין עטלעכע יאר!.. נאר עס איז נישט אין מיין כאראקטער אנשלאגן זיך צו יענעמ מיט אייצעס, ווען יענער פאדערט עס פון מיר קלאלאובלאל ניט! ווען איך האב האלב קאפיטאל פון דיינעם, א פערטל, א הונדערטכיילעך, וואלט איך דאך איבערגעקערט א וועלט!.. רייישיס־כאכמע וואלט איך איינגעקויפט בא יעצטיקע ביליקע פרייזן א צוויי הונדערט טויזנט פוד ווייץ און וואלט זיי אפגעשיקט קיין קעניגסבערג צו אונדזער אלטן גוטן־ברודער פעפערמאן (דו געדענקסט אים כאטש? דאס דאזיקע כאסידל, וואס פלעגט אמאל כאפן שיראיים פונעם רעבנס טיש, פירט היינט א גלענצנדע ראליע, האלט א קאנטאר מיט נאך 2 שוטפים און כמאליעט א וועלט!..). כוץ־לאזע וואלט איך צעטיילט אוואנסן (געלט אף גרייטן ווייץ) אף דער גאנצער גראבנילעווקער ליניע פאר א קליינעם פראצענט, און דערביי שטייט דאך בעוואדע א גרויס גליק! רעב פייוול שטערנהארץ איז דערפון געווארן אן אוישער!.. דערויף וואלט איך געזעצט אן ערלעכן באגלייבטן מענטשן, און אליין וואלט איך מיר געזעסן אין מיין קאנטאר מיט מיינע מענטשן, געפירט אלע געשעפטן, זיצנדיק אף דער שטול מיט א ציגאר אין די ציין און מיט א פען אין דער האנט... דערצו וואלט איך געווינלעך נאך צוגעלייגן היפשע עטלעכע טויזנט רובל און וואלט מיר געהייסן „באנקיר”... גענומען, געגעבן, געקויפט, פארקויפט, גערעכנט, געשריבן, געטיילט, געקליבן, געהאנדלט און געלעבט!.. ניט אזוי ווי אונדזערע קליינשטעטלדיקע גווירים, וואס זיצן ווי קאטשקעס אף די אייער און ווייסן פון קיין וועלט צו זאגן אויסער וואכער און ווייטער וואכער!.. ניין! איך וואלט געלעבט, און אלע, וואס ארום מיר, וואלטן אויך געלעבט, און לאז כאטש די וועלט אויך וויסן, אז עס איז פאראן אין גראבנילעווקע אן אוישער, און ער הייסט רוווען שנעל?!!... אט דאס וואלט איך געטאן, ליבסטער פריינט, צום ערשטן ארויספאר; און שפעטער וואלטן מיר געזען, וואוהין דער ווינט בלאזט, פארשטייסטו מיך... נאר וויאזוי עס וואלט נישט געווען בא מיר, נאר איך וואלט אזא אנזעצער ווי מוישע האלצמאן קיין 20 טויזנט רובל נישט פארלוירן בעשום־אויפן, מיט קיין אקסן וואלט איך נישט געהאנדלט און אפילע מיט קיין וואלד־געשעפט אויך ניט, סיידן מיר וואלט זיך פארגלוסט גאר אין א קליינער צייט אנווערן די עטלעכע גילדן!.. אך, שימעלע! שימעלע!.. וואס קען איך דיר נאך זאגן? וואס דארף איך דיר נאך זאגן, און וואס האב איך דיר צו זאגן?.. היט אף



דאס ביסעלע גוטס, וואס גאט דער העך האט דיר באשערט!.. טו נאר א טראכט, וואס קען פון דיר זיין, ווען דו בלייבסט ווייטער.• ווי פריער, א קאפצן?.. דיין מוטער איז איין מאל געשטארבן, און קיין צוויי יערושעס האט זי דיר ניט געלאזט!.. מיט דעם געלט, ברודער, ביסטו רעב שימעלע ברען; אבער אן דעם געלט, כאלילע?.. בארעכן דאס אקארשט!.. אך, ברודער, ברודער! א פאסקודנע וועלט. כ'לעבן! א וויסטע וועלט, א פינצטערע וועלט, א פאלשע וועלט, א נארישע וועלט! פע, פע! א פאסקודנע וועלט!!!...

דו שרייבסט מיר, טייערסטער שימעלע, איך זאל זיך דורכפארן צו דיר צוגאסט כאטש אף עטלעכע טעג! וואס זאל איך דיר דערויף ענטפערן, ברודער הארציקער? ווי פארשטייסטו, איך וואלט זיך עפעס געלאזט לאנג בעטן? עס קען דען זיין בא מיר נאך אזא פארגעניגן ווי זען זיך מיט מיין אלטן בעסטן כאווער, מיט וועלכן איך בין קימאט צוזאמען אופגעצויגן געווארן?.. אוביפראט נאך אצינד, בא דער גליקלעכער לאגע, ווען דער אלמעכטיקער גאט האט דיך געבענטשט מיט אזא...!? נאר וואס ווערט דערפון? דעם עמעס מוז איך דיר אויסזאגן, און מיין הארץ אנטפלעקן פאר דיר... וויאזוי קום איך היינט צו דיר?.. איך מיין, וויאזוי, וואארום, מיט וועלכן אויפן און ווי און וואס און ווען — דו פארשטייסט?.. אז דו ביסט היינט גאר אזוי, ווי זאגט מען, לעמעלע־לעכיילע, מיט צען קעפ העכער, מיט אן ארשין בריטער, מיט... מיט... מיט... און איך? וואס בין איך אצינד אקעגן דיר?.. א ווערעמל, וואס פויזשעט ארום אף דער ערד... ווי א קליין זעמדעלע, וואס וואלגערט זיך אין גאס...; ווי א שפיי...; קימאט גאלע גארנישט!.. נישטא אמאליקע יארן! נישטא, אוועקגעפלויגן! מע דארף פארגעסן! פארגעסן! פארגעסן!!!...

איך, דיין בעסטער פריינט, וואס קלאגט אף דיין קלאג, וואס טרויערט אף דיין טרויער, וואס ברענט אף דיין בראך —

רוווען שנעל.

III

קאָמיסיאָנס־געשעפט

פעפערמאַן, גענזענשמאלצ עט פעקעלזאָן.

קעניגסבערג אין פרײַסען.

האָכגעעהעטעסטער אונד ווערטהעסטער הער ז י מ אָ ן ב ר ע ן

אין קוקעליוועק, רוסלאַנד.

* מיט פיעל פערגעניגען האָבען מיר ערהאַלטען דען שרײַבען פאָן איהרען ווערטהעסטען בעגלייבטען הערן רומעליוס שנעל מיט וועלכען ער אונז וויסען לאָזט דאס זי ווערדען אונז ליפערן ווייצען נאך קעניגסבערג צו פערקויפען. — מיר קענען איהנען צו זאגען דאס זי ווערדען פאָן אונזער קאָמיסיאָנס־הויז בעהאנדעלט ווערדען על צד היותר טוב אונ זייערע ווייצען ווערדען שנעל פערקויפט ווערדען נאך די העכסטע פרײַזען אונד זאָגלײַך געלד שיקען צו איהנען ווען זי נאָר ברויכען ווערדען, דאן ווערדען זי צו אונז איינען בריעף שרײַבען ווערדען זי תיכף 2 גלײַך בעקומען. —

האָכאכטונגספאָל פײַפערמאן, גענזענשמאלצ עט פעקעלזאָן.

IV

קאָנטאָר־געשעפט פאָן ז י מ אָ ן ב ר ע ן.

קוקעליוועק, רוסלאַנד.

הערן י א ק אָ ב ש ט ע ר נ ה אָ ר ע ן.

אין שאמפעריוועק, רוסלאַנד.

ביטע ארויסשיקען מיר אם רעכנונג פון מײַן פרינציפאַל הערן זימאָן ברען אף צײַט צוויי מאָנאט צוועלף טויזנט רובל זילבער אונ פארשרײַבן אף קאָנטע הערן זימאָן ברען.

אכטונגספאָל רומעליוס שנעל.

---

* מיר בעטן אונדזער לעזער זיך נישט צו וואונדערן אף די דײַטשישע בריוו, וואָס ווערן געבראכט אין דער דאָזיקער ריכטיקער געשיכטע: די דרײַ פיינע קוּמיטנערס זײַנען פּאַשעטע רוסישע ייִדלעך; נאָר ווײַל זיי באַזיצן אַ קאָמיסיאָנס־געשעפט אין קעניגסבערג (פּרײַסן), דרום מוז מען שפּרעכן דײַטש, דאָס הייסט אַרײַנרוקן אין יעדער שורה דאָס וואָרט „ווערדען" עטלעכע מאָל.

דער ה ע ר ו י ס ג ע ב ע ר.

1 א ל צ א ד ה א י ו י ס ע ר ט ו י ו — אפן בעסטן אופן.

2 כייקעס.



V

קאָמיסיאָנס־געשעפט

פ ײַ פ ע ר מ א ן, ג ע נ ז ע נ ש מ א ל צ ע ט פ ע ק ע ל ז אָ ן.

קעניגסבערג (פרײַסען).

האָכגעשעצטער אונד אכטענדער ה ע ר ר ו מ ע ל י ו ס ש נ ע ל

אין גראבײַלעווקע (רוסלאַנד).

מיט גרויס הדוה 1 קומען מיר איהנען מודיע צו זײַן דאס זייער הער זימאָן ברען פון קוקעליוועק (רוסלאנד) האָט אונז איבערגעגעבען דאס גאנצע זײַנע געטרײַדע־געשעפט מיט איהנען צו פיהרען, איהנען קוויטירען, מיט ווייצ שפעקולירען אונ איהנען אם רעכנונג הערן זימאָן ברען אין קוקעליוועק (רוסלאנד) צו צײַגען. מיר האָפען דאס זי ווערהען פון איטו צופרידען בלײַבען, אויביפראט, ווען זי ווערדען צו אונז צוגעלאָזט ווערען אונ מיט אונזער קאנטאָר בעקאנטשאפט שליסען באופן הידוע 2... דאן ווערדען זי זיכערלעך קיינ כאראָטע ניכט האבען, ולחכם כמותו יספיק הקיצור, וד"ל 3. . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

דיזע פינטעלאך ביטען מיר איהנען צו פארשטעהן... אונד פערבלײַבען אויף עוויג

אכטונגספאָל פײַפערמאן, גענזענשמאלצ עט פעקעלזאָן.

VI

בעזרת השם יתברך יום ב' פ' הקת־זבלק שנת תר"...

לפ"ק בפה עיר גראבײַלעווקע 4.

לכבוד אהובי בעלי היקר החשוב הנגיד מפורסם הקצין

---

1 כערווע.

2 ב ע ו י פ ן ה א י ע ד ו א — אף דעם באַקאַנטן אופן.

3 א ו ל ע כ אָ כ ע מ ק ע מ ו י ס ו י י א ס פ י ק ה א ק י צ ו ר, ו ע ד א ל (ו ע ד ײַ ל ע ה אָ ו י נ) — אונ פאר אזא קלוגן, ווי ער, וועט זײַן גענוג אײַנקורצן, אונ ס'איז גענוג צום פארשטיין.

4 ב ע ע ז ר א ס ה א ש י ם י ִ ס ב אָ ר ע כ י ו י מ י ו י ם ב ײ ס פ א ר ש ע כ ו ק א ס־א ו ב אָ ל אָ ק ש נ א ס ת ר (טאר) .. ל ע פ א ק ב ע פ ו י א י ר ג ר א ב ײַ ל ע ו ו ק ע — מיט גאָטס הילף מאָנטיק פון דער סדרע כוקאס אונ באלאָק דאָס יאָר תר"... לויט דער ייִדישער צײַט־רעכענונג דאָ אין דער שטאָט גראבײַלעווקע.

17*

והמרומם המשכיל מפואר חכם ונבון איש ישר ויקר ערך טוב־לב ה״ה הרבני כש״ת מיהר״ר לוי ב״ר נפתלי צבי ז״ל 1.

— הערש שפיגעלבאנק.—

ראשית באתי להודיעך 2, קומ איך דיר לאָזנ וויסנ זײַנ, אז איך בינ ב״ה בקו החוה״ש 3 אינ בעסטנ געזונט. געבע גאָט דאָס נעמלע־כע פֿונ דיר צו הערנ נישט ערגער — אָמיינ סעלאָ! וועהאשיינים פֿרעג איך דיך, באאלי האיאָקאָר, א מיסע־מעשונע זאָל קומענ אפֿ דײַנ קאָפּ, רבש״ע 4! עס זאָל דײַנ טאטנ ארויסוואדפֿנ אונ דיך ארײַנוואָרפֿנ אינ איינ קוילפֿײַער (כהרף עין) 5, אז עס זאָל דיך אויסקײַקלענ, טאמע הארציקער, פֿונ איינ עק צום אנדערנ עק אונ עס זאָל זיך ארײַנכאפּנ א העליש פֿײַער אינ דײַנ הארצנ ארײַנ, זיסער פֿאָטער! אונ עס זאָל דיך אָנכאפּנ א שטעכעניש אונ א ברעכעניש אינ אלע דײַנע אייור־רימ, געטרײַער גאָט! א פֿינצטערער, א וויסטער סאָפּ זאָל אויסגיינ צו דײַנ קאָפּ, צו דײַנע הענט אונ פֿיס, צו דײַנ לײַב־אונ־לעבנ, אז קיינ גוטנ גוי זאָל דאָס נישט שאטנ, נאָר דיר, רבש״ע! מיט דײַנ לײַב, מיט דײַנ זעל, מיט דײַנ נעשאָמע, הײַנטיקנ טאָג אינ א גוטער, א מאזלדיקער שאָ, אָמיינ האלעווײַ רבש״ע!!!.. הײַנט ווייסטו שוינ פֿאַר וואָס?!...

א ווערטעלע אויסצורעדנ — הונדערט זעכציק זעקס קערבלעך די־רע־געלט, אכוץ האָלצ אונ וואסער, אכוץ א דינסט, אכוץ א שוך, א קלייד, הײַנט ווו איז עפּעס אינ מארק יעדנ גוטנ טאָג צוויי אָדער דרײַ... וואָסערע דרײַ? אייערנעכטנ איז בא מיר אוועקגעגאנגענ אינ

1 ליכהויד אהוווי באאלי האיאָקאָר העכאָשוו האנאָ־גיד מעפורסעם האקאָצינ ועהאמערוימאָמ האמאסקיל מע־פויאָר כאָכאָמ וענאָהוינ איש יאָשאָר וויִעקאר ערעכ טוייוו לייוו הײַנע הו האָראבאָני קהויד שיימ טיפֿארטוי מוירייני האָראהו רעב לייוי בערעב נאפטאָלי צווי זיכרוינוי ליוורא־כאָ — לעקאָוועד מײַנ געליבטנ מאנ, דעמ טײַערנ, דעמ כאָשעווג, דעמ נאָגיד, דעמ בארימטנ האר אונ דעמ דערהויבענעמ, דעמ מאסקל, דעמ פֿײַנעמ כאָכעמ אונ פֿארשטאנדיקנ, דעמ ערלעכנ אונ טײַערשעצנדיקנ מענטשנ, דעמ גוטהאר־ציקנ, וואָס ער איז מיט זײַנ פֿײַנעמ נאָמענ אונדזער לערער, דער ראָוו רעב לייווי, דער זונ פֿונ רעב נאפטאָלי־צווי, זײַנ אָנדענק זאָל זײַנ געבענטשט.

2 ריישיס באָסי לעהוידיאכאָ.

3 באָרעכ האשעמ בעקאוו האכאיִמ וועהאשאָלעמ — דאנ־קענ גאָט באמ לעבנ אונ געזונט.

4 ריבוינע־שעל־אוילאָמ.

5 קעהערעפ־איִנ.



מארק, איך זאָל אזוי זײַנ געזונט אונ שטארק מיט אלע מײַנע ליבע, רבש״ע! ווי אכט מיט א האלבנ קערבל אונ אכוץ האָב איך נאָך באצאָלט פֿאר קוילנ א פֿערטעלע (25 קאָפּ.) אונ דער יִדענע פֿאר קלײַענ דער בעהיימע זעקס אונ דרײַסיק קאָפּיקעס... פֿאר קלײַענ? הײַנט ווו איז פֿאָלאָווע? ווו איז שטרוי? פֿרעג זשע מיך, צי האָב איך פֿונ איר א קוואָרט מילך כאָטשע? אזוי לאנג קרענקסטו, ליבער גאָט, אזוי לאנג זאָל איך דיך שוינ זענ פֿוילנ אונ ווערעמ עסנ דיך, ווי איך קוק אפֿילע אָנ פֿונ איר א שטיקל פּוטער אָדער קעז, איך זאָל אזוי ריינ זײַנ פֿונ שלעכטס, טאטע געטרײַער, ווי איך בינ ריינ פֿונ א סאָל כמע־טענע אָדער פֿונ א מילכיקנ אָנבײַסנ, וואָס איך האָב שוינ ניט געגעבנ, עסנ זאָלנ דיך ווערעמ, וויפֿל מיינסטו? א יאָר!.. וואָכער א יאָר? איך בינ נאָך געזעכנ בא מאלקע פֿײַוווישעס אינ דער דירע אונ האָב גע־טראָגנ מיט מוישע־לייבוניונ זאָל מײַריכ־יאָמימ זײַנ... אזוי איז דאָס א קינד. אזא יאָר, אזא פֿארנאָסע זאָל איך האָבנ מיט אלע מײַנע ליבע, רבש״ע! קלוג ווי די גאנצע וועלט אונ רעדט יעדע זאך ווי אנ אלטער, קיינ בייז אויג זאָל אימ ניט שאטנ! איך זאָל שוינ דערלעבנ זענ אימ גיינ מירטשעמ (אי״ה) אינ כיידער ארײַנ! איך ווייס? מע זאָגט א קינד... א קינד האָט אפֿ זיך ניט קיינ גאנצ העמדל, איך זאָל אזוי ריינ זײַנ פֿונ יעסורימ מיט קאָל־האשלעכטס, ווי מוישע־לייבוניו האָט אפֿילע שטיוועלעך אפֿ יאָמטעוו!... עס גייט אזא יאָמטעוו, וואָס איך ווייס? איך זאָג דיר דעמ עמעס!.. אונ ער כאָליעט דאָרט ערגעצ אונ לעבט זיך גאנצ בארוט... וואָס ארט דאָס אימ, אז דאָס ווײַב מיט די קינדער ווערנ געשוואָלנ ווי א בארג פֿאר הונגער, געשוואָלנ זאָלסטו ווערנ אונ סע זאָל דיך אויפֿטראָגנ ביז דער סטעליע, זיסער גאָט, איך זאָל פֿונ דיר פּאָטער ווערנ!.. וואָלט איך שוינ אויך אופֿגעריכט גע־וואָרנ עפּעס אפֿ דער וועלט, וואָרעמ איידער אזא דאָליע, ווי איך האָב בא דיר, איז געווייס ליבערשט צו בלײַבנ אנ אלמאָנע מיט 8 יעסוי־מימ!... נאָר וואָס קאָנ איך רעדנ אקעגנ גאָט, אז איך בינ דאָך פֿאָרט נישט מער ווי א זינדיקע נעקייווע, אנ אישע, וואָס דארפֿ טאָנ דעמ ראָצנ פֿונ גאָט אונ דעמ ראָצנ פֿונ איר מאנ... דערומ וואַרט איך אונ וואַרט, איך מיינ טאָמער־טאָמער... צומ כאָפּ נא דיר, שלימ־שלימ־מאזל אינ אלע ווינקעלעך צומ שווארצנ יאָר, וואָרעמ אז מע וויל שמועסנ צוריק, וואָס בינ איך דאָ ערגער פֿונ רויזע־טויבע די גראָבע? בײַ שער איר טאטע האָט געהאט א פֿעטערס א שוועסטערקינדס גליד־שוועסטערקינדס א פֿלימעניק א מעשומעד? אונ מײַנ טאטע זצ״ל איז אויך געווענ א ייִד פֿונ טוירע אונ פֿונ כאָכמע!.. פֿריטע ווערט זי

(רויזע־טײבע די גראַבע) שיר־שיר ניט צעזעצט פאַר גרויס פאַרגע־ניגן, און די קלענערע טאָכטער טראָגט די אייגענע האָר, און איך ציז זיך אויס אין גאַס פאַר א קערבל, מײַנע קינדער גייען קרוע־בלוע, און מײַן מאַן איז נאַוועגאַד צו אלדי שווארצע יאָר, און אז ער שיקט מיר שוין יאָ אַרײַן דאָס קערבל, קומט אָפּ דעם אַן אויסכאַפּעניש, א פאַרשווינדעניש צו אלדי רוכעס!... וואָס איז אַזוי? בײַשער, ער, זאָגט ער, פאַרדינט מער נישט און האָרעוועט אַזוי אויך ווי אַן אייזל! וואָס קער זיך דאָס מיט מיר אָן? עס איז מײַן אייסעק? קריך אין דער ערד אַרײַן! גיי אפילע און הארגע מענטשן אפּן גלײַכן וועג און זײַ מיך מעפּאַרנעס! דערופ האָסטו זיך כאַסענע געהאַט אין א פינצטע־רער שעאָ א ווייסטער! בעסער וואָלסטו דעמאָלט נאָך אָנגעלייגט מײַן קאָפּ, איידער איך האָב דיך דערקאָנט פאַר א מאַן!.. און ווײַטער האָב איך דיר ניט וואָס צו שרײַבן. פאַרבלײַב געזונט און פיל גליקלעך, פון מיר דײַן געטרײַע זוגאָסי, וואָס באַגערט דײַן גליק און ווינטשט דיר אלעם בעסטע, אָמיין סעלאָ.

עסטער־ליפּשע באַס ר' מוישע־לייב זצ"ל.

איקער שאָכאַכטי: אז גאָט גיט א שטיקעלע האַצלאָכע, ווייסט מען ניט, פונוואַנען דאָס גליק נעמט זיך. הער א מײַסע, ווי עס פאַר־לויפט זיך א זאַך אָפּ דער וועלט: דײַן פּלימעניק ראַוון לייב־אַרנס, ראַוונ־ענעל, האָט זיך אויפגעשטעלט דאָס מאַזל, דעהײַנע וויאַזוי אז ער איז הײַנט גאָר באַגליקט געוואָרן! ער האָט געהאַט אין קוקעליוווקע, בעשאַס ער האָט נאָך געלערנט אין כיידער, א כאַווער מיט זײַן ליבן נאָמען שי־מעלע ברײַנס! דער דאָזיקער שימעלע איז פּלוצעם געוואָרן א גרויסער גוויר, מע זאָגט א מיליאָנער פון דרײַ הונדערט טויזנט רובל, עפּעס דורך א יערושע, וואָס מע האָט אים איבערגעלאָזט — בין איך דיר נישט אויסן! בעקיצער, אָט דאָ פאַר א וואָך דרײַ איז אונדזער ראַוון געוועזן בא אים עפּעס מיקויעב אַן איניען, איך ווייס ניט וואָס און ווען — וואָס זאָל איך דיר א כאָב ברײַען? — ער האָט אים געמאַכט פאַר קאָל־וועלאָכ איבער אלע זײַנע געשעפטן. און הײַנט האָט שוין דאָ ראַוון א קאָנ־טאָר אין גראַבעלעווקע און איז געוואָרן א גאַנצער באַנקירער מיט א כויבער!.. נו, דאַרף מען פרעגן דעם ריבוינע־שעל־אוילעם א קאשע? מיכבאָכע איז דאָך אים אַזוי אָנגעצייכנט געוואָרן פון אויבן!.. וואָ־רעם וואָס האָט דאָס גאָר געטראָפן צו אים און ניט צו אונדז? וואָס איז? דו ביסט דען ניט דער אייגענער מענטש וואָס ראַוון? צי עפּעשער



האָט ער א שענערן טאַטן פון דיר? צי איז ער עפּעשער מער בעריע פון דיר? איך ווייס ניט! דו האָסט ב"ה אויך אַ הענט, אַ פיס, אַ קאָפּ גלײַך מיט אלע ייִדן! ע"כ בעלי היקר 1. פאַרוואָס זאָלסטו אים ניט אַרײַנשרײַבן עפּעס א בריוול, טאָמער וואָלסטו אויך עפּעס געהאַט אַרום אים? פאָרט אַן אייגענער פּלימעניק — ווי זאָגט מען בלוט און פלייש!..

פון מיר דײַן זוגאָסטי עסטער־ליפּשע.

טאָמער איז מיר באַשערט, איך זאָל דורך דײַן פּלימעניק געהאָלפן ווערן, וואָלט טאַקע געווען א ווילדער יוישער, כ'לעבן! די דאָליע, וואָס איך האָב בא דיר, מיט דעם מאַזל־בראָכע, פון זינט איך האָב דיך דערקענט, וואָלט זיך שוין גאָט געמוינט דערבאַרעמען אָפּ מיר אויך! איך בין ניט גלײַך צו אַנדערע ווײַבער! איך בין רעב מוישע־לייבלס א טאָכטער. און בא מײַן טאַטן, זאָל האָבן א ליכטיקן גאַניידן, בין איך דאָך טאַקע, ווי מע זאָגט, אָפּ זײַד און אָפּ סאַמעט און אָפּ לאַ־קעטקעס* אויסגעוואַקסן! בא מיר אָפּ מײַן ערשטער כאַסענע האָט מען געטאַנצט און געהוליעט 2 וואָכן קעסיידער, און דער פעטער זאַלמען פון זשיטאָמיר איז געווען מיט אלע קינדער און מיט די אייניקלעך! נאָר לעמײַ זאָל איך זינדיקן אקעגן דעם ריבוינע־שעל־אוילעם, אז בא אים איז רעכט אַזוי?!..

פון מיר דײַן זוגאָסי עסטער־ליפּשע.

VII

לדודי היקר הנגיד מפורסם מוהר' 2

הערן הערן לייווי שפּינגעלבאַנק

אין באָרשטשעווקע (רוסלאַנד).

איך שיק אײַך דאָ אַן אָנווײַזונג אין קאָנטאָר שטערנהאָרן (אין שאַמפּעריווקע) אָפּ 50 טויזנט רובל און בעט אײַך, אַם נאָמען פון אונדזער געערטסטן פּרינציפּאַל הערן זימאָן ברען, אײַנקויפן אָפּ דער

1 אל קיין באַאלי האיאָיאָר — דעריבער, מײַן געטרײַער מאַן.

* „לאַקעטקעס" אָפּ זשאַרגאָן איז קימאַט דאָס זעלבע, וואָס „כצפּיחית בדבש" אין לאַשנקוידעש (באַמ. פון אַווט.).

2 לעדוירי האַיאָקאָר האַנאַגיד מעפּורסעם מויריינו האַראַוו רעב — צו מײַן טײַערן פעטער דעם באַרימטן נאָגיד אונדזער לערער דער ראַוו רעב.

באַרשטשיוקער ליניע נאָך 150 טויזנט פוד ווייץ אַלערליי סאָרטן. די ווייץ לאָדן נאָך קעניגסבערג „פּײַפּערמאַן, גענזענשמאַלץ עט פּעקעלזאָן”. ראַק טאָג מיט די מוסטערן אַזוי, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט... קיין סאַך דאַרף איך אײַך ניט שרײַבן... און קיין פינגער אין מויל דאַרף איך אײַך אויך ניט אַרײַנלייגן...

אַכטונגספאָל רומעליוס שנעל.

## VIII

קאָמיסיאָנס־געשעפט

פּײַפּערמאַן, גענזענשמאַלץ עט פּעקעלזאָן.

קעניגסבערג (פּרײַסן).

הערן הערן זימאָן ברען.

אין קוקעליוועקע (רוסלאַנד).

מיר האָבן שוין ביז איצט די עהרע געהאַט צו ערהאַלטען פון איהרעם עקספּעדיטאָר הערן לעווי שפּיגעלבאַנק פון באַרשטשיוועקע (רוסלאַנד) די ערשטע 100 וואַגאָנעס רויהווייצן. לויט די מוסטערן, וואָס מיר האָבן ערהאַלטען דורך איהרענס אַגענט רומעליוס שנעל פון גראַבנעלעוועקע (רוסלאַנד) קאָנען מיר איהנען פערזיכערן דאַס מיר ווערדען זיי פאַרקויפן צו די בעסטע פּרײַזען אונד זי ווערדען געוויס צופרידן ווערדען פון אונזער קאָמיסיאָנס־הויז אונד ווערדען אונז נאָך מעהר ווייצן ליעפערן.

אַכטונגספאָל פּײַפּערמאַן, גענזענשמאַלץ עט פּעקעלזאָהן.

26

## IX

קאָנטאָר־געשעפט

פון זימאָן ברען אין קוקעליוועקע (רוסלאַנד).

הערן הערן יאַקאָב שטערנהאַרן.

אין שאַמפּעריוועקע (רוסלאַנד).

מיט דאַנק האָב איך דערהאַלטן די 50 טויזנט רובל. יעצט בעט איך, אַז נאָמען פון מײַן געערטסטן פּרינציפּאַל הערן זימאָן ברען אַרויסשיקן מיר דורך פּאָסט נאָך 50 טויזנט רובל זילבער און צייכענען קאָנטאָ זימאָן ברען אַף מערמינן דרײַ מיט אַ האַלבן מאָנאַט.

אַכטונגספאָל קאָמערציאָן־אַגענט פון קאָנטאָר־געשעפט זימאָן ברען רומעליוס שנעל.



## X

הערן הערן רומעליוס שנעל

קאָמערציאָן־אַגענט פון קאָנטאָר־געשעפט זימאָן ברען

אין קוקעליוועקע (רוסלאַנד).

איך האָב געהערט, אַז איר נעמט האַלוואָעס בײַצעל הערן הערשענהאָרן אַף קאָנטע פון אײַער געשעצטן פּרינציפּאַל האַגוויר הער זימאָן ברען, לאָכיין פאַרשטיי איך ניט, צו וואָס נוצט אײַך צאָלן 15 פּראָצענט, ווען איר קאָנט אויספירן צאָלן נאָר 10%, אוביפּראָט, אַז הערשענהאָרן איז אַ געוויסער מערדער און קיין רעכטער מענטש וועט מיט אים ניט האַנדלען... איך וויל אַף אים קיין שלעכטס ניט רעדן, נאָר איך זאָג אײַך, אַז הערשענהאָרן איז אַ בלוט־זויגער, אַ צוויאַק, אַ קעלעור־שעביקלאָווים! איך האָב פּײַנט יענעם צו באַרעדן אונטער די אויגן און אין קעשענע בין איך בא אים ניט געווען, נאָר איך קאָן זיך מיט אײַך וועטן, אַז הערשענהאָרן איז אַן אָנזעצער, ניט הײַנט איז מאָרגן!.. זײַט אַזוי גוט און שרײַבט אַוועק אײַער פּרינציפּאַל, פּילײַכט ברויכט ער אַ פערציק טויזנט רובל אַף אַ יאָר — קאָן איך אים טײַקעף געבן; איך וועל אײַך מיסטאַמע באַפרידיקן נאָך אײַער ווערטענונג נאָך. — פון מיר אײַער אומבאַקאַנטער פרײַנט, וואָס האָט אײַך ליב זייער און פאָדערט אײַער גליק.

פרידל פעמפּיק (פון פּיזשעוועקע).

## XI

ב״ה יום יום ב׳ פ׳ ראה שנת תר... לפ״ק פה באַרשטשיוקע.[1]
לזוגתי היקרה, הצנועה והחסידה, אשה חשובה, חכמה מפורסמת, אשת חיל כאסתר וכאביגיל, מנשים באהל

---

1 באַרעכנט האַשעמ יוימ ביים פאַרשע רעיי שנאַס תר... לעפּאַק פוי באַרשטשיוקע — דאַנקען גאָט אַלע נאָג, מאָנטיק כּוּג סעדרע רעיי, דאָס יאָר תר...— לויט דער ייִדישער צײַט־רעכענונג, דאַ־באַר־שטשיוקע.

תבורך, ה"ה מרת אסתר ליפשה שתחי' עבב"ב.1

איך בין ב"ה 2 אין בעסטן געזונט, גיב גאָט צו הערן גוטע בסור־
רעס — אָמיין־וועאָמיין. והשנית אודיעך, אשתי היקרה 3, אז דאָס
געשעפט איז זייער א גוט געשעפט, היינע: איך בין אליין דער אופ־
קויפער, און דורך מיין האנט גייען דורך אלע ווייצן פון דער קאָנ־
טאָר, און מעס איז דאָ לאָרויזו, און בין ניט זשעדנע אין קיין
קערבל, און דער גאנצער טוער איז רזוון, און ער פארלאָזט זיך אפ
מיר מיט אלע ווייצן, און איז פון מיר צופרידן, און דער פרינצי־
פאל אויך, און איך אויך, און גאם די פרייז הייבט זיך, און די
ווייצן גייען קיין קעניגסבערג פעפערמאן, גענזענשמאלץ עט פעקעל־
זאָן, און פעפערמאן־גענזענשמאלץ עט פעקעלזאָן האָט מיר גע־
שריבן, איך זאָל מאכן מיט דעם רויפע... עפעס פארשטעלט... און
איך האָב זיי נאָך ניט געענטפערט מיקויעב דעם... און גאם מע רעדט
מיר דאָ אויך צו מיקויעב זאכן... און איך בין ניט מוסקעם, מאכ־
מעס מע פארלאָזט זיך אפ מיר ווי אפ אן אייגענעם. און זיי זאָגן,
אז איך האָב בעיאד צו באקומען א קערבל, און דער פרינציפאל
איז דאָ געווען ניט לאנג און האָט מיט מיר אוועקגערעדט א גוטע
שעה, ראק ער האָט ניט געהערט איין וואָרט, מאכמעס ער איז אזוי
שבאדק פארטראָגן אין די געשעפטן, אז ער ווייסט ניט, וואָס מע
רעדט צו אים, און איך האָב באצאָלט פאר צוויי כאדאָשים פרוע־
פאר קעכט, און האָב נאָך 30 רובל, און שיק דיר 50 רובל, און
בעט באצאָלן דירע־געלט און מלמד־געלט אויך, און שימעלע שיקט
מיר אלעמאל געלט און הייסט מיר קויפן ווייץ, און דאָ איז דירעס
בעיויקער גאָדל, און רזוון איז איך געווען אצלי על האכסניא 4,
און שרייב מיר, וואָס הערט זיך עפעס אין דער היים, און מע זאָגט,

1 לעזוגאסי האיעקזרא, היצנוא ווקהאכאסידא־אישאָ כאשווהצ, כאכאָמאָ מעפורסעמעס, איישעס כאיל כעעסנייר הע כאויגאיל, מינאָשים באויהעל טעוויראָכ, היינע הי מאָראס עסטעו־ליפשע שעטיכיע אימ כאָל בניי בייסאָ— צו מיינ טייערע פריי. דע צנוע פון דער פרומער, דער באשעווער פווי, דער בא ינטער כאכאָכע. וואָס איז אזא בעריע, ווי ענטער און אוגאָל צווישן די ווייבער פון געצעלט זאָל זי געבענטשט זיין, געמלעכ די הירגטע עטנער־ליפשע זאָל לעבן ביט איר גאנצ הויזגעזינד.

2 באָרעך האשעם

3 וועהאשייניס אוידזייך, אישטי האיעקזרע—צהייטנס, גיב איך דיר צו הינסן, מיין טייערע פרוי.

4 עצלי אל האַכסאניאָ — בא מיר אין אכסאניע.



אז רזוון ווערט אן אוישער, און איך האָב מיר געמאכט א נייעם
פוטער, און געריס די קינדערלעך גאָר פריינטלעך, די רייד פון דיין
ליבסטן מאן:

לייווי שפיגעלבאנק.

## XII

הערן פרידעל פעמפיק אין פיזשעווקי (רוסלאנד).

איר קענט צושיקן 40 טויזנט רובל גלייך צו מיר אם רעכנונג
פון מיין פרינציפאל הערן זימאָן ברען, אפ וועלכן איך שיק אייך
דאָ 4 פאָרמאלנע וועקסלען אם נאָמען זימאָן ברען.

אכטונגספאָל קאָמערציאָן־אגענט רומעליוס שנעל.

## XIII

קאָנטאָר־געשעפט.

זימאָן ברען (קוקעליווקע, רוסלאנד)

הערן פעפערמאן, גענזענשמאלץ עט פעקעלזאָן.

אין קעניגסבערג (פרייסן).

פילייכט קענט איר מיר שיקן אף דעם רעכענונג פון די ערשטע 200
וואגאָנעם ווייץ צום ווייניקסטן 70 טויזנט רובל? אף אָפלייגן די
ווייץ אין שפייכלער בין איך מערוצע, ראק איך דארף אצינד א
ביסל געלט... און ווייטער, אויב עס איז נישט מעגלעך, דארף מען
ניט: איך וועל זיך באגיין אָן זיי אויך... שרייבט מיר אָפטע בענאכ־
ריכטן, מיט גרויס אכטונג ·

זימאָן ברען.

## XIV

ב"ה יום יום ד' פ' תצא שנת תר... לפ"ק פה [1]
לכבוד בעלי היקר החביב המרומם הנגיד מפורסם
החכם מוה"ר ר' לייווי שפיגעלבאנק נ"י. [2]

1 באָרעכ־האשעם יוים יוים דאלעד פארשע סייצי שבאס תר... לעפאק פוי—דאנקען גאָט אלע טאָג, מיטוואָך פון דער סעדרע סייציי דאָז יאָר תר... לויט דער יידישער צייט־רעכענונג, דאָ.

2 ליכווויד באאלי האיאָקאָר העכאָוויו האמערוימאָמ האנאָגיד מעפורסאָמ העכאָכאָמ מויריינו האָראוו רעב לייווי שפיגעלבאנק ניירוי יאָיר—לעקאָווער מיין מאן דעם טייערן, דעם געליבטן, דעם דערהויבענעם, דעם בארימטן נאָגיד, דעם כאָכעם, אונדזער לערער דעם ראָוו, רעב לייווי שפיגעלבאנק, זיין ליכט זאָל לייכטן.

פופציק יאָר זאָלסטו קרענקען, רבש"ע! און פופציק מאַקעס דיר אין בויך! ווען זאָל איך פריער געבן: צי דער פּראַטשקע, צי דער דינסט, צי דעם מעלאַמעד, צי דער יידענע פאַר די קאַטשקעס (איך האָב שוין איינגעקויפט 15 קאַטשקעס אף יאָמטעוו, זיי ליגן זיך איצינד)... צי דעם באַלעבאָס פאַר דער דירע, צי דעם קרעמער פאַר דער סכוירע, צי וואָס, צי ווען, צי א כאָלערע, צי א קאַדאָכעס, צי אזוי א קרענק אין דיינע ביינער אריין, — זיסער הארציקער פאָטער?!?!!! — אנו, טו נאָר, זיי מויכל, א קוק אף גאָלדע־העדשקע־באַרעכ־אוראָמס! א כארפע, א בושע, א געשוואָל דיר אין פּאָנעם, א ברען דיר אין לייב, א פייער דיר אין הארצן און פּארעס שלעק אף דיר אינגאנצן, — ליבער גאָט! — ווי דו פּארפינצטערסט מיר מיין פּאָנעם, ווי דו פּארומערסט מיר מיין לעבן און ווי דו פּארקירצסט מיר מיינע יונגע יאָרן און טעג! אזא יאָר!.. אזא מאַזל! — 50 שמאַדראָווענצעס! פּ ו פּ צ י ק שמאַדראָווענצעס פאַר א גאנצן כוידעש! און נאָך אזא כוידעש ערעוו יאָמטעוו!!!..

צי האָב איך א ברעטל, צי האָב איך אָן אָפּ אין שטייג, צי האָב איך אָן איי אפילע?! זאָל מיך אזוי וויסן צאָרעס און שלעק אף דיין קאָפּ, אָמיין סעלאָ!!!.. דו קענסט מיינען אפּאָנעם, אז דיין שי־מעלע וועט דיר שטעלן א גילדענע מאציייווע איבער הונדערט יאָר!.. פערד איינער! מע גיט דיר — נעמ!... וואָס מאַכסטו פוילע טנועס, א שלאָק אין דיינע ביינער אריין! טו נאָר א קוק אף ביילע רווינס, וואָס פאַר א זיידן מאַנטל דער מאַן האָט איר געמאַכט, וואָס פאַר א האַלדז פּערל ער האָט איר יענע וואָך געשיקט! עס איז נאָר א כוואָרע, אז רווינ קויפט אוועק בא לעמל דעם טויבן די שטוב... וואָס זיינע דענן? אזוי ווי דו?... עט, נא דיר א גראָשן פאַר דיין ער־לעבקייט און געטרעישאַפט אינגאנצן!.. אז ניט דו, וועלן אנדערע צונעמען... א פּאַדיאַקע וועסטו זיך דערלעבן, ניט מער זאָלן מיינע כאַנים לעבן!.. דו מיינסט, אז יענער דארף טאַקע וויסן?.. ניין, נארעלע, וואָס דארפסטו באַוואָרענען א וועלט, נארעלע? א מיצווע א גרויסע! וואָס איז? מע ווערט דאָ גליקלעך פון אים? א קאַטאָ־וועס א ביסעלע, שימעלע? האָסטו געהערט א ביסעלע?.. אוביפראַט, באַאַלי האַיאָקאָר, דו פאַרגעסט, אז דו האָסט א ווייב ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר מיט 8 קינדערלעך!.. איך בעט דיך, האָב ראַכ־מאָנעס אף מיינע יונגע יאָרן און פאָלג א ווייב, וואָס זי זאָגט דיר... א ווייב איז ניט קיין ווערטעלע... א ווייב דארף מען פאָלגן, נארעלע!..



פון מיר דיין געטרייע זוגאָסי, וואָס ווינטשט דיר געזונט און גליק מיט האַצלאָכע

עסטער־ליפּשע.

## XV

קאָמיסיאָנס־געשעפט.

פּ יי פּ ע ר מ א ן, ג ע נ ז ע נ ש מ א ל צ עט פּ ע ק ע ל ז אָ ן.

קעניגסבערג (פּרייסן).

הערן הערן ז י מ אָ ן ב ר ע ן אין קוקעליווקע (רוסלאנד).

אויף איהרען בריפע קומען מיר איהנען צו אנטוואָרטען דאס זייער ביטע קאן ניכט אויסגעפאָלגט ווערדען, מהמת מיר ערוואַרטען ביז דען צווייטען טראנספּאָרט ווייצען צוזאמען צו פּארקויפט ווערדען, דאן ווערדען מיט גרויס דאנק געלט געשיקט ווערדען!... די פּרייזען פון ווייצען געהען אלס העכער און העכער, און זי קענען פּארזיכערט זיין דאס זי ווערדען פון אונזער קאָמיסיאָנס־הויז העכסט צופריעדען זיין, מיר פארבלייבען מיט אכטונג.

פּייפּערמאן, גענזענשמאלץ עט פּעקעלזאָן.

## XVI

הערן הערן ר ו מ ע ל י ו ס ש נ ע ל.

אין גראַבעלעווקע (רוסלאנד).

איך בין אייך מודיע, אז איך האָב איינגעקויפט נאָך 80 טויזנט פּוד ווייץ, און דעם אנדערן טראנספּאָרט האָב איך שוין ארויסגע־שיקט, ווי איר האָט מיר באַפוילן נאָך קעניגסבערג צו פּייפּער־מאן, גענזענשמאלץ עט פּעקעלזאָן, און דער היינטיקער טראנספּאָרט קאָסט מיך מיט 2 קאָפּיקעס טייערער אף יעדן פּוד, און איך בעט מיך צושיקן נאָך א ביסל מעות, און דער ערשטער טראנספּאָרט איז בעעמעס געווען א ביסל פּייכטלעך, ווי פּייפּערמאן, גענזענ־שמאלץ עט פּעקעלזאָן שרייבט אייך פון קעניגסבערג, און איך שיק אייך דאָ א כעזשבן פון אלע טראנספּאָרטן מיט אלע הוצאָעס, און בין אייך מודיע, אז מע וויל מיר פּארקויפן פונעם גראַפס ווייץ א 100 וואַגאָנעס און מע־וויל טייערלעך, און איך האָב געשריבן צום פּרינציפּאל אויך א בריוו, און פארבלייב מיט אכטונג

לייווי שפּינעלבאוק.

אגענט־עקספּעדיטאָר פון באָרשטשיווקע (רוסלאנד).

## XVII

הערנ הערנ ז י מ אָ נ ב ר ע נ.

אײַער ליבנ בריוו מיט דעמ אָנווײַזונג אפ די הונדערט טויזנט רובל האָב איכ מיט דאנק ערהאלטנ און עס וווּנדערט מיכ זײער, דאָס אזא קלוגער מאנ, ווי איר זענט, זאָל זיכ לאָזנ ארײַנגארענ צו דעמ דאָזיקנ גאזלענ אינ זאק ארײַנ? ווער קאָנ דענ ניט דעמ מערדער, דעמ הולטײַ, דעמ פראָצענטניק פרידל פעמפיק פונ פיזשעווקע?! ווי לאנג האָט ער זיכ ארומגעטראָגנ מיט א פעל אפנ יאריד און איז געגאנגענ מיט א גויִשנ פעלצ מיט א פאָר טשאָבעטעס? און הײַנט איז ער פונ יִדיש בלוט געוואָרנ א גאנצער באנקיר און שינדט אָפ יעדנ באזונדער ביז די בײנער! אזא שײגעץ, אזא באלעגאָלע האָט נאָכ א האָזע צו באלײדיקנ מיכ מיט מײַנ שטיקעלע נאָמענ, וואָס איכ האָב מיר פארדינט אפ דער וועלט בעעמעס מיט מײַנ שווייס און מיט מײַנ בלוט!.. איכ בעט אײַכ, טאָמער וועט איר דארפנ געלט, קאָנט איר גלײַכ באפוילנ אליינ אָדער דורכ אײַער אגענט.. מיקײַעב דער איכקע וועלנ מיר מיסטאמע דורכקומענ...

אינ דעמ פארבלײַב איכ אײַער בעסטער פרײַנט יאנקעוו שטערנהאָרנ.

## XVIII

קאָנטאָר־געשעפט.

ז י מ אָ נ ב ר ע נ (קוקעליוועק, רוסלאנד).

טײַערסטער פרײַנט ר ו ב נ ש נ ע ל

הערנ פײַפערמאנ, גענזענשמאלצ עט פעקעלזאָנ שרײַבנ מיר פונ קעניגסבערג, אז דער ערשטער טראנספאָרט ווייצנ איז עמוואָס פײַכטלעכ, און דער צווייטער איז טאקע גאָר נאס; דערום האָט מענ זיי אויסגעשאָטנ אינ שפײַכלער, און מע וואַרט אפ גוטנ וועטער זיי אויסצוטריקענענ... איכ האָב זײער מוירע, איכ זאָל ניט צוליגנ קײנ געלט, וואָרעמ טריקענענ קאָסט נישט קײנ קלײניקײט אוביפראט נאָכ אונטער די אויגנ... אל קײנ אוואקייש זענ צו געבנ א ראסבאָריאזשעניע, מע זאָל קײנ נאסע ווייצ נישט קויפנ!.. הער שטערנהאָרנ בעט מיכ, איכ זאָל בא אימ ווײַטער נעמענ געלט, און פרידל פעמפיק שטופט מיר אויכ געלט פונ אלע זײַטנ, און איכ נעמ צו... בעסטער פרײַנט! איכ ווייס ניט, וואָס דאָס איז! איכ פארשטײ נישט, וואָס דאָס איז! איכ האָב געמיינט, אז ווענ איכ



האָב באקומענ געלט און בינ געוואָרנ פלוצעמ א גויר, וועל איכ א ביסל לעבנ אפ דער וועלט, האָבנ פארגעניגנ, אָנטאָנ זיכ טײַנגרים, אזוי ווי דו האָסט מיר פאראיאָרנ געשריבנ — צומ סאָפ, צומ סאָפ לעב איכ גאָר נישט! איכ גײ ארומ ווי א פארדולטער! איכ עס ניט און טרינק ניט און שלאָפ ניט! עס טראָגט מיכ ראק ארומ, און איכ הער נאָר געלט, געלט און געלט! איכ זע פאר מײַנע אויגנ אזויפיל טויזנטער און קענ זיכ מיט זיי ניט די הענט צעפירנ: זיי ווערנ פארשוווּנדנ, אויסגעקראָכנ צווישנ די פינגער, און איכ האָב ניט א גראָשנ! איכ האָב וועקסלענ, כעזשבוינעס, פאפירנ, דעפעשנ א סאכ — און נישט מער!.. איכ ווייס ניט, וואָס וואָלט איכ געטאָנ אָנ שטערנהאָרנס, פעמפיקס און נאָכ א סאכ אזעלכע, וואָס שלאָגנ זיכ צו מיר אָנ, איכ זאָל בא זיי נעמענ געלט?!.. קײנ כעזשבנ ווייס איכ ניט און קענ גאָר ניט וויסנ, מאכמעס איכ בינ שוינ צו ווײַט פארקראָכנ! אליינ קײנ כעזשבנ קענ איכ ניט דערגײנ, און פארטרויענ זיכ אפ א פרעמדנ וויל איכ ניט... איכ שווער דיר בעעמונאָ שעלי, ליבסטער פרײַנט, אז איכ בינ אנ אומגליקלעכער מענטש און ווייס ניט פונוואנענ דער אומגליק איז! איכ בינ נאָכ אזוי געשטראָפט, אז איכ האָב נישט פאר וועמענ דאָס הארצ אויסצורעדנ. מײַנ ווײַב האָט נישט קײנ צײַט מיט מיר צו רעדנ און וויל מיכ גאָר ניט אויסהערנ! זי איז פארנומענ אָדער מיטנ טואלעט אָדער מיט דער פיאנאָ (אָ! עס פיאנעט מיר שוינ אינ קאָפ!..), אָדער מיט די סטודענטנ, אָדער מיטנ באל... יעדנ אָוונט איז בא איר א באל, און 20 סטודענטנ לעבנ אפ איר רעכענונג!.. מײַנ קאסיר קלאָגט זיכ, אז איבער מײַנ סאָפיא אבראמאָוונא איז קײנמאָל קײנ גראָשנ נישטא אינ דער קאסע — זי נעמט אָנ א צאָל! מײַנע קינדער קוקנ נישט אָנ די מוטער, און זי געהער זיכ מיט זיי גאָר נישט אָנ, און זיי גײענ ארומ שלינג און שלאנג מיט די גוווערנאנטקעס! ווענ איכ פרעג זיי אפ דער מוטער, זאָגט מענ מיר, אז זי איז פארנומענ מיט די סטודענטנ: מע לײענט עפעס גראָבע ביכער און מע מאכט טעאטערשפיל, און די קינדער גײענ ארומ ניט געצוואָגנ, ניט נעקעמט, ווי די ווילדע כײַעס! איכ זאָג דיר, אז די סטודענטנ לײגנ מיכ אינ דער ערד ארײַנ! צווישנ זיי איז דאָ אזעלכע אזעס־פענעמער, אז בא מיר אינ שטוב רעכענענ זיי זיכ מיט מיר, ווי מיט א פרעמדנ, און מאכנ פונ מיר כויזעק! צווישנ זיי איז דאָ אײנער א שווארצער, מיט א גרויסער פאטיע און מיט א שפיצעכדיקער נאָז, איז

ער באַשטעט אַנ אונעס־מיבנוצעפ־פֿאַנעמ! ער ליגט שטענדיק בא מיר
אינ זאַל אפּנ דיוואַנ אונ די פיס פאַריכנ אפּנ טיש, מיט א ליולקע־
ציבעק אינ מויל אונ שפּײַט מיר אפּנ טײַערנ קאַוויאַר! איכ טאָר
אימ גאָר קײנ וואָרט ניט זאָגנ! באַלד פאַלט ער אפּ מיר אָנ, ווי א
הונט, אונ דרינגט מיר, אַז איכ בינ א גראָביאַנ, א מענטש, וואָס
פאַרשטײט ניט קײנ פרײַהײַט, אַנ עקספּלואַטאָר אזוי.. אזוי...
כפּו זאָל דאָס ווערנ! צו זיכ אינ שטוב קענ איכ איבער די סטור־
דענטנ נישט אַרײַנגײנ!... נא דיר סטודענטנ אפּ מײַנ קאָפּ!.. הײַנט
איז דאָ א דײַטש, עפּעס א מעשוגענער דײַטש, וואָס לערנט מײַנ
כאָניטשקענ פּיאַנאָ שפּילנ — מעגסטו מיר גלייבנ, אַז איכ וואָלט ליר
בערישט אינ דער העל אַרײַנגעלאָפּנ, אײדער אויסזיצנ 6 שאָ קעסיי־
דער אונ הערנ די שרעקלעכע קוילעס, וואָס ער קלאַפּט אַרויס פונ
דער פּיאַנאָ, אזוי אַז עס זשוזשעט מיר נאָכ דעמ 3 טעג אינ קאָפּ,
גלײַכ ווי אינ א ציקער־פאַבריק!.. אונ ווענ איכ זעצ זיכ צומ טיש
עסנ, וואַרג איכ זיכ מיט דעמ לעצטנ ביסנ איבער דעמ שוואַרצנ
כטודענט מיט דער שפּיצעכדיקער נאָז, וואָס הערט נישט אופ צו
באַדויערנ די בלוטזויגערס מיט די עקספּלואַטאָרס, אונ נאָכ
דעמ טיש ציט ער אויס א פּאָר לאַנגע פיס אונ שפּײַט אונ כראַקעט
אפּ די קאַוויאַרנ אונ שפּאָט אונ לאַכט פונ דער גאַנצער וועלט
אונ איבערהויפּט פונ מיר!.. איכ האָב אמאָל געזאָגט מײַנ ווײַב,
אַז איכ קלײַב זיכ אמאָל אַרויסוואַרפנ דעמ דאָזיקנ שווענ.פונ
מײַנ הויז, האָט זי זיכ אזוי צעבייזערט אפּ מיר, גלײַכ ווי איכ וואָלט
איר אָנגעטראָטנ אפּנ פוס! „כטײַטש? — זאָגט זי, — דאָס איז דאָכ
דער אײנציקער אָרנטלעכער, ערלעכער מאַנ אינ רוסלאַנד! דאָס איז
דאָכ דער ערשטער כטודענט, דער ערשטער מענטש, דער ליכטיק־
סטער העלד. אזוי.. אזוי!”... אכ, ברודער, ברודער! וואָס קענ איכ
דיר זאָגנ? איכ בינ אַנ אומגליקלעכער מענטש!!!//איכ בעט דיכ,
קלײַב זיכ אָפּ א פרײַע צײַט אונ קומ צו מיר אפּ עטלעכע טעג,
וועלנ מיר מאַכנ א כעזשבנ: איכ וויל וויסנ, וווּ איכ האַלט אינ דער
וועלט!.. וואָס איז די מײַסע, וואָס פּײַפּערמאַנ, גענזענשמאַלצ עט
פּעקעלזאָנ שיקנ מיר נישט א פּעניג? איכ הער נאָר פונ זיי „ווערדענ
אונד ווערדענ” אונ קײנ געלט נישט! עס ליגט בא זיי אזא מאַסע
ברויט!.. זאָג מיר, איכ בעט דיכ, ווער איז דער שוויטע דער עקס־
פּעדיטאָר ליוווי שפּיגעלבאַנק? ווּ האָסטו אויסגעזוכט אזא טיפּעש?
אָט דער פּרידל פּעמפּיק פונ פּיזשעווקע לאָזט מיכ נישט אָטעמענ:
איכ זאָל ראַק נעמענ בא אימ געלט! איכ האָב שוינ אָנגענומענ בא



אימ מער פונ הונדערט טויזנט רובל! איכ האָב אָבער קײנ אַנדערע
ברייקע ניט! וויפל איכ נעמ, אונ עס איז אַלצ קאַרג! דײַנ עק־
ספּעדיטאָר שפּיגעלבאַנק האָט שוינ צעטײלט, לויט זײַנ לעצטנ
כעזשבנ, א פופציק טויזנט רובל פאַרויס אפּ דער ליניע אונ שרײַבט,
איכ זאָל אימ צושיקנ נאָכ מאָעס! ער מײנט אפּאַנעמ, אַז בא מיר
איז א קוואַל פונ געלט!.. שיק מיר א רעכענונג אָדער קומ צו פאָרנ —
פאַרבלײַב געזונט אונ גליקלעכ!
דײַנ בעסטער פרײַנט שימענ ברענ.

## XIX

הערנ הערנ ז י מ אָ נ ב ר ע נ אינ קוקעליוווקע (רוסלאַנד).
די ווייצענ וואַרענ זעהער פּײַכט; זיי ווערדענ אויסגעטריקענט
ווערדענ אונ נאַכהער פערקויפט ווערדענ צו בעסטע פּרײַזענ אונד
זי ווערדענ צופריעדענ ווערדענ. —

אכטונגספאָל פּײַפּערמאַנ, גענזענשמאַלצ עט פּעקעלזאָנ.
קאָמיסיאָנס־געשעפט אינ קעניגסבערג (פּרײַסענ).

## XX

אגענט עקספּעדיטאָר ליווי שפּיגעלבאַנק.
לזוגתי אהובתי ויקירתי הביבתי ונשמתי מרת א ס ת ר ל י פ ש ה
שתחי' עד מאה ועשרים ושבעה שנים![1]
איכ שיק דיר נאָכ 500 ראָב אונ בינ דיר מודיע, אַז אינגיכנ
וועל איכ דיר צושיקנ נאָכ מאָעס... ראַק איכ ווייס ניט, וואָס וועט
זײַנ מיט די ווייצנ, וואָס איכ האָב אַרויסגעשיקט צו פּײַפּערמאַנ,
גענזענשמאַלצ עט פּעקעלזאָנ, מאַכמעס, קעפּי האַנירע, וועלנ זיי שוינ
דעמ פּרינציפּאַל קײנ מאָעס ניט אַרויסשיקנ, אונ איכ ווייס ניט
וואָס צו טאָנ, אונ אַז מע וועט מיכ פרעגנ כאַס־וועשאָלעמ, וועל איכ
דאַרפנ צושווײַגנ, אונ איכ האָב געוואָלט פרעגנ שימעלענ, מאַכט
ער זיכ טאַמעוואַטע, אונ ער איז שטאַרק צעטראָגנ עפּעס, אונ
מע זאָגט, אַז ער האָט שוינ א סאַכ מאָעס, אונ איכ רעכנ אימ־ירצע־
האַשעמ אפּ יאָמטעוו פאָרנ אהיימ אונ וועל דיר ברענגענ א פּײַנע

[1] לעזוגאָסי אהוואָסי וועיאַקיראָסי כאַוויוואָסי ווע־
נישמאָסי מאָראַס עסטער־ליפּשע שעטיכיע אַד מייאָ ווע־
עסרימ: וועשיוואָ שאָנימ — צו מײַנ פרוי, מײַנ געליבטער אונ מײַנ טײַ־
ערער, מײַנ ליבער, מײַנ נעשאָמע, דער האַרנטע עסטער־ליפּשע, זאָל לעבנ ביז
הונדערט זיבנ אונ צוואַנציק יאָר.

מאטאָנע, ווי דיר שטייט אָן, און פארבלײַב געזונט און פרײלעך,
ווי עס ווינטשט דיר באַלאָב
לייווי שפיגעלבאנק אגענט־עקספּעדיטאָר.

## XXI

טעלעגראַמען:

שאַמפּעריוּוקע, 10 אזייגער אינדערפרי.
הערן פּ ע מ פּ י ק אין פּיזשעװקע!
מע זאָגט, שנעלס קאָנטאָר געשטעלט, ווערט געוואָר, דעפּעשירט.
שטערנהאָרן.

## XXII

קוקעליוּוקע, 5 אזייגער באַטאָג.
הערן הערן פּ ײַ פּ ע ר מ א נ, ג ע נ ז ע נ ש מ א ל צ עט פּ ע ק ע ל ז אָ נ
אין קעניגסבערג!
פארוואָס שיקט איר ניט קיין געלט? שטאַרק געענגט! אײַלט
זיך! דעפּעשירט!
שנעל.

## XXIII

פּיזשעװקע, 9 אזייגער באַנאַכט.
הערן ש ט ע ר נ ה אָ ר נ אין שאַמפּעריוּוקע!
נישט עמעס! אויסגעטראַכט! זײַט באַרויִקט!
פּעמפּיק.

## XXIV

קעניגסבערג, 8 דעם מאָרגענס.
הערן ש נ ע ל אין קוקעליוּוקע.
ווייצן נאָס! ניכט צום טראָקענען! האַלב פארפוילט! קענען
ניכט פארקויפן ווערדען. דעפּעשירט!
פּײַפּערמאַן, גענזענשמאַלץ עט פּעקעלזאָן.

## XXV

קוקעליוּוקע, 12 באַנאַכט.
הערן ב ר ע נ אין באַרשטשיוּוקע.
וואָס שווײַגט איר? שיקט געלט! קומט צו פאָרן! מע שטעלט
מיך! דעפּעשירט!
שנעל.



## XXVI

באַרשטשיוּוקע, 12 באַטאָג.
הערן ש נ ע ל אין קוקעליוּוקע.
ברענ אנטלאָפן! פארנומען געלט! קאָמיסיאָנערן שרײַען! קרעדי־
טאָרן גוואַלדעווען! וואָס טוט מען? דעפּעשירט!
שפּיגעלבאַנק.

## XXVII

פּיזשעװקע, 4 באַטאָג.
הערן ש ט ע ר נ ה אָ ר נ אין שאַמפּעריוּוקע!
עמעס! אָבער נישטאָ וואָס צו פאָרן! מע מאַכט א קאָנקורס!
מע וועט צאָלן 90 פּראָצענט! זײַט באַרויִקט!
פּעמפּיק.

## XXVIII

קעניגסבערג, 10 אָבענד.
הערן ש נ ע ל אין קוקעליוּוקע.
די איבעריקע ווייצן קוים פארקויפט! דאַס טראָקענען אָבער
האָט צוגענומען זעהר פיעל שפּעזען (הויצאָעס). מאַלדאָ (אַסטאַטאָק)
1200 מאַרק בעצאַלט פאַר די זעק! קומט פון אײַך אַרויס נאָך
1600 מאַרק. שיקן זיי פער פּאָסט.
פּײַפּערמאַן, גענזענשמאַלץ עט פּעקעלזאָן.

## X XIX

קוקעליוּוקע, 2 באַנאַכט.
הערן ש פּ י ג ע ל ב א נ ק אין באַרשטשיוּוקע.
ווו איז דאָס געלט פון די פאַרשוס? ענטפערט גיכער! איך וויל
זיך מיט אײַך אָפּרעכענען! דעפּעשירט!
שנעל.

## XXX

שאַמפּעריוּוקע, 7 אָוונט.
הערן פּ ע מ פּ י ק אין פּיזשעװקע.
איר וועט מיך ניט נאַרן! איך האָב געשיקט קיין קוקעליוּוקע אַן
אַדוואָקאַט הער קעלבערקאָפּ! ער וועט מײַן געלט אויסלאָדן גיך!
זײַט באַוואָרנט!
שטערנהאָרן.



18*

## XXXI

בארשטשיווקע, 6 פרימארגנ.

הערנ ש נ ע ל אינ קוקעליווקע

וואס בינ איכ שולדיק? ברענ אנטלאפנ! אלע געלטנ בא אימ! דאס הויז איבערגעגעבנ! וואס טוט מענ מיט די קרעדיטארנ? דעפעשירט!

שפיועלבאנק.

## XXXII

פיזשעווקע, 5 באטאג.

הערנ ק ע ל ב ע ר ק א פ אינ קוקעליווקע.

איכ גיב אײַכ 30 פראצענט! נעמט מײַנע וועקסלענ! לאדט! דעפעשירט!

פעמפיק.

## XXXIII

בארשטשיווקע, 5 פארטאג.

ה ע ר נ ש נ ע ל אינ קוקעליווקע.

גוואלד! האט ראכמאנעס אפ אנ ארעמער אלמאנע! 9 יעסוימימ! דער מאנ אנטלאפנ. ראטעוועט! דעפעשירט!

עסטער־ליפשע שפיגעלבאנק.

## XXXIV

קוקעליווקע, 2 באטאג.

הערנ ש ט ע ר נ ה א ר נ אינ שאמפעריווקע.

אײַער כויוו וועל איכ אויסלאדנ! 80 פראצענט אוואדע! לויט די גוזעצע № 1834 איז ער באנקראט! עס איז דא נאכ א גוזעצ № 5479. 2 רעשעניעס פונעמ סענאט № 869 אונ № 786. איכ וועל אימ נעמענ אינ אבטראג! שיקט מיר ארויס 500 רובל אפ הויצאעס. דעפעשירט!

קעלבערקאפ.

## XXXV

קעניגסבערג, 10 אבענדס.

פרוי ש פ י ג ע ל ב א נ ק אינ בארשטשיווקע.

זײַט בארויקט! אײַער מאנ איז אינ סאדעגורע באמ רעבנ! ווו איז ערגעצ ברענ? דעפעשירט!

פײַפערמאנ, גענזעגשמאלצ עט פעקעלזאנ.



## XXXVI

פיזשעווקע, 11 באטאג.

הערנ ק ע ל ב ע ר ק א פ אינ קוקעליווקע.

400 רובל לאנג ארויסגעשיקט! פארוואס ענטפערט איר ניט, וואס הערט זיכ מיקוויעכ דעמ קאנקורס? דעפעשירט!

פעמפיק.

## XXXVII

customs duty

קוקעליווקע, 8 אווגט.

הערנ פ ע מ פ י ק אינ פיזשעווקע.

פאראנ 6 רעשעניעס פונעמ סענאט: № 189760, № 59, № 1873, № 189, № 11171, № 271 לויט די גוזעצע פונעמ 18 מײַ 1841 יאר סטאטיא 78396 אונ סטאטיא 9769 מוז מענ טאנ נאכ דעמ זאקאנ פונעמ 13 יול 1851 יאר № 6376. שיקט נאכ 300 רובל אפ פאשלינע אונ 200 רובל אפ הויצאעס! דעפעשירט!

קעלבערקאפ.

## XXXVIII

שאמפעריווקע, 2 באנאכט.

הערנ ק ע ל ב ע ר ק א פ אינ קוקעליווקע.

איכ שיק אײַכ נאכ 600 רובל. שרײַבט, וואס וועט זײַנ דערפונ? מע זאגט, עס איז נישטא א גראשנ. דעפעשירט!

שטערנהארנ.

## XXXIX

קוקעליווקע, 10 פרי.

הערנ ש ט ע ר נ ה א ר נ אינ שאמפעריווקע.

איכ פאדער פונעמ סוד לויט די גוזעצע פונעמ 1853 יאר № 68109 אונ לויט די רעשעניע פונעמ סענאט אונטער דעמ נומער 41713246580. איכ האב נאכ 2 רעשעניעס № 541236, № 7932145. שיקט אפ הערבאווע פאפיר אונ אפ הויצאעס נאכ 800 רובל. דעפע־שירט!

קעלבערקאפ.

XXXX

פיזשעווקע, 5 באטאָג.

הערנ שטערנהאָרנ אינ שאמפּעריווקע.

עס ווײַזט אויס, אז אונדזער קעלבערקאָפּ איז א גוטע פּיאווקע! ער ציט פונ אונדז דעם מארכ פונ די ביינער! שנעל גייט ארום פּראנק אונ פרײַ! קיינ כוואָוועס צאָלט ער ניט, אונ פונ אונדז זויגט מענ דאָס בלוט! ווו איז ברענ? איכ האָב אפּ אימ אכוצ וועקסלענ! ראָצכים!! קוילערס!! גאזלאָנים!!! אָנזעצערס!!!! פּיאווקעס!!!!! ..

פּעמפּיק.

---

# די וועלט=רײַזע

אָפּטמאָל זייער גלײַכ אונ איבערהויפּט דעמ עמעס — דאָס איז בא מיר קיינ קאַשע ניט, טאַקע ווײַטער דערפאַר, וואָס ער איז א שטיקל מעשוגענער...

איכ ווינטש אײַכ א קסיווע־אוכסימע־טויווע מיט דעמ קלאַל־יִסראָעל, אפילע די דאָזיקע, וואָס שילטנ מיכ אונ קאָרעניענ מיכ אונ ווילנ ניט פארשטיינ, אז איכ שטעב זיי אמאָל מאַכמעס ליבשאַפט צו אלע מײַנע ברידער. —

ערעוו ראָשעשאָנע, אָדעס.

# א פּאַרוואַלגערט בריוול פונ די איבערגעבאַפּטע בריוו פונ „שאָלעמ-אַליינעמ"

פילגעליבטער הער רעדאַקטאָר פונ דעמ „ייִדישנ פאָלקסבלאַט" אינ פּייטערבאַרג!

היניי קעפי קאַאשער אזוי ווי איכ האָב נאָכ ניט געהאַט די ערע צו זײַנ געדרוקט אינ אײַער ליבנ „פאָלקסבלאַט" צווישנ אײַערע ליבע ווערטלעכ מיט די עפּיגראַמענ, האַנאַמ איכ האָב שוינ געשיקט אינ אײַער ליבער רעדאַקציע פיל מאָל מײַנע שירימ מיט מײַנע פּע־ליעטאָנענ, מיט א גרויסנ ראָמאַנ אינ 4 טייל „די בייזע שוויגער אונ דער ערלעכער איידעמ", וועלכער איז טאַקע א ש פּ י ג ל פונ מיר אלייִנ, מאַכמעס איכער מײַנ שוויגער, ימאַכ־שמאָ, האָב איכ זיכ שיר ניט געגעט מיט מײַנ ווײַב, אזוי ווי איכ האָב שוינ עטלעכע מאָל באַשריבנ אינ פעליעטאָנ, אונ צומ סאָפּ־האָב איכ נאָכ ביז אהער ניט געהאַט די ערע צו זענ מײַנ נאָמענ געדרוקט אינ אײַער ליבנ „פאָלקסבלאַט", וואָס איז בעעמעס א ש פּ י ג ל פאַר אונדזערע לײַט, כאָטש איכ בינ פונ טאָמיד אײַערער אַנ אבאָנענט אונ שיק אײַכ אלע יאָר 5 רו"כ געלט פאַר א גאַנצ יאָר אונ סטאַרע זיכ אלעמאָל פאַר אײַער ליבנ „פאָלקסבלאַט", גלייבט מיר, ווי פאַר אַנ אייגענעמ, מאַכמעס אײַער ליבע רעדאַקציע איז מיר פּאָשעט אײַנגעבאַקנ אינ האַרצנ, ווי א שוועסטער, אונ פּאָסט־מאַרקעס שיק איכ אײַכ אויכ קימאַט אלע וואָכ, נאָר אהויווי איכ האָב הײַנט פּאַרנאָסע, בייִנ־מינכע־לעמײַרעוו, באַקומענ דעמ לעצטנ נומער „פאָלקסבלאַט" אונ האָב דערזענ צווישנ אײַערע ליבע עפּיגראַמענ, וואָס זענענ ווי א ש פּ י ג ל פאַר אונדזער שטעטל, זייער קלוגע ווערטער, בינ איכ פּאָשעט ניווהאָל וועניסטרימעמ געוואָרנ: סטײַטש, דאָס דאָזיקע ווערטל איז דאָכ מײַנ ווערטל! דער קאָרעספּאָנדענט פונעמ דאָזיקנ ווערטל, וואָס כאַכמעט זיכ „איקס", איז א מאָשעניק, א גרויסער מאָשעניק!! ער האָט דאָס בילטי סאָפּעק געהערט פונ מיר אינ בעס־

מעדרעש פארצווייוואָכנ אפ מײַנ יאָרצײַט נאָכ מײַנ ליבנ פאָטער ז"ל (געוויס געדענקט איר, ליבער רעדאקטאָר, פונ מײַנע פרוערדיקע קאָרעספאָנדענציעס, אז יאָרצײַט נאָכ מײַנ ליבנ פאָטער האָב איכ י"ז קיסלעוו); דאָס דאָזיקע ווערטל האָב איכ געזאָגט שאָלעמ־מענאשע דעמ טויבנ פונ דער אלטער קלויז, וועלכער האָט זיכ טאָמיד ליב ארײַנמישנ אינ יענעמס אסאָקימ אונ צענ מאָל איבערפרעגנ איינ זאכ, אזוי אז כע שלאָגט צו דער גאל, ווי איכ האָב אײַכ אימ שוינ פאָרגעשטעלט איינמאָל אינ דעמ ראָמאנ: „דער נודניק" (אינ דער דריטער טייל אפ דעמ בלאט 1891 פונ הײַנטנ); ראָק עס קאָנ זײַנ עפּעער האָט דאָס נאָכדעמ שאָלעמ־מענאשע דער טויבער איבערגעגעבנ [איבערגעגעבנ?] זײַנ איידעמ יעשײַע־יאָסל, וועלכער איז אויכ א קאָרעספאָנדענט פונ אײַער ליבנ „פאָלקסבלאט", אונ וועלכנ איר האָט שוינ א פאָר מאָל גלײַכ אָפּגעענטפערט אינ „ברייוקאסטנ" №11 אונ №49, אז ער מאכט פונ פאפיר שמאטעס... דער דאָזיקער ענטפער איז מיר שטאַרק געפעלנ, אונ איכ האָב אפ אימ געמאכט א ראָמאנ (אינ 2 טייל) אונטער דעמ נאָמענ: „דער געראָטענער איידעמ" אָדער דער „פונ פאפיר שמאטעמאכער", ווו עס קומט פאָר, וואזוי א געראָטענער יונגערמאנטשיק, וואָס הייסט יעשײַע־יאָסל, קומט אָנ אינ א גרויסער שטאָט ארײַנ פאר אנ איידעמ אונ נעמט א ווײַב, וואָס הייסט זלאטע־מירל אונ הינקט אפ אנ אויג אונ האָט א בעלמע אפ א פוס (אזוי ווי איר ווייסט, אז מײַנ שרײַבנ איז איבערהויפּט סאטירענ, לאבנדיק, לעמאָשל, ווי אײַער ליבער סאטירישער קאָרעספאָנדענט „שאָלעמ־אליכעמ". א פארשלעפּטע קרענק! — וועמענס איידעמ איז ער? אונ וואזוי איז זײַנ רעכטער נאָמענ? אונ ווו זיצט ער? שרײַבט מיר, איכ בעט אײַכ, זײַנ ריכטיקנ אדרעס — איכ שיק אײַכ 2 מארקעס)!!

ווי הײַנט האָבנ מיר מיטוואָכ אפ דער גאנצער וועלט, אזוי ווייס איכ אונ בינ אײַכ אָרעוו, אז דאָס דארפ זײַנ אָדער רעב שאָלעמ־מענאשע דעמ טויבנס ארבעט אָדער זײַנ איידעמס יעשײַע־יאָסל דעמ „פונ־פאפירשמאטעמאכערס" — ניט אנדערש! אלקיינ, ליבער רעדאקטאָר, בעט איכ אײַכ, איר זאָלט גייענ מיט מיר „במדת היושר"[1], אונ אז עס וועט קומענ די גליקלעכע צײַט, ווענ איר וועט ארויסשטעלנ די נעמענ פונ אלע ווערטלזאָגערס, זאָלט איר ניט פארגעסנ

1 בעמידאס־האיוישער — אָרנטלעכ, מיט גערעכטיקײַט.



מיכ אויכ דערמאָנענ צו גוטנ; נאָר אזויווי איר ווייסט דאָכ, אז איכ בינ א זנאטשנע מענטש אינ מײַנ שטעטל, קאָנ דאָס מיר כאָלילע שאטנ צו פארנאָסע, דערומ זאָלט איר אָפּדרוקנ מײַנ נאָמענ פארשטעלט, דאָס הייסט, מע זאָל יאָ וויסנ אונ ניט וויסנ, ווער איכ בינ, אזוי ווי אײַער ליבער קאָרעספאָנדענט „שאָלעמ־אליכעמ", וועלכער פארשטעלט זײַנ רעכטנ נאָמענ אונ פונדעסטוועגנ ווייסנ מיר דאָכ אלע, אז דאָס איז „שאָלעמ־אליכעמ"... דעהײַנע, איר זאָלט אָפּדרוקנ בעזע־האלאָשנ:

„דער עמעסער פארפאסער פונעמ ווערטל № 13 צווישנ די עפּיגראמענ איז אונדזער שטענדיקער אבאָנענט אונ קאָרעספאָנדענט א לײַטישער יונגערמאנ פונ א שיינער מישפּאָכע, וועלכער פארשטייט העברעיִש, קאָנ רעכט זשארגאָנ, לייענט שוינ א רוסישע בלאט, שרײַבט גאנצ אָפט אינ די גאזעטנ (וועלכעס מע האָט נאָכ לייס־אטע ניט געדרוקט) אונ איז א געוויסער איידעמ בא [א] פײַנעמ נאָגיד, וואָס האָט אנ אייגנ הויז אונ האלט די טאקסע שוינ 12 יאָר, אונ ער, דער קאָרעספאָנדענט אליינ, דאוונט אינ דעמ נײַעמ בעסמעדרעש די פערטע שטאָט אינ שפּיגלבאנק, אקעגנ אָרנ־קוידעש קימאט, אונ טראָגט אנ „אטאָרע" אפנ טאלעס, נאָר זײַנ רעכטער נאָמענ איז גוט באקאנט אינ דער רעדאקציע פונ לאנגע צײַטנ. מ. מ. ב. מ. מ. ל. הל׳ מק׳ ק. ק. נמס. ל. ב. וול. (דאָס הייסט „מענאכעמ־מענדל בענ מייער־מאָרדכע לעוויט האליווי מק"ק קאָרסענ קיִעווער גובערניע סמוך לעיר[1] באָסלאוו ווליסיענקע")...

לעמאנ־האשעמ! לעמאנ־האשעמ! אזוי זאָל שוינ בלײַבנ אפ טאָמיד מײַנ נאָמענ אינ אײַער ליבנ „פאָלקסבלאט", אונ איכ וועל אײַכ דערפאר אָפּצאָלנ מיט גרויס דאנק מיט א קאָרעספאָנדענציע פונ די היגע שאָכטימ, מיט א שיר אפ רעב מוישע מאָנטיפוירעס טויט (זצ"ל) אונ מיט א פעליעטאָנ אפ די היגע קאצאָווימ מיט די היגע פראָצענטניקעס אונ עפּשער מאקע מיט א ראָמאנ אויכ צו אײַער בײַלאגע, מאכמעס בא אונדז אינ קאָרסענ אונ איבערהויפּט אינ ליסיענקע אונ אינ באָהוסלאוו איז שוינ נימעס געוואָרנ צו לייענענ די ראָמאנענ מיט די פעליעטאָנענ פונ „שאָלעמ־אליכעמ"... עס איז דאָ בא מיר אינ קאָפּ מאטריִאל, פיל שענער אונ בעסער פאר אײַכ, אפ צוויי יאָר, אכוץ די אלע קאָרעספאָנדענציעס, וואָס איכ האָב אײַכ ביז אהער ארויסגעשיקט! איכ בעט אײַכ, ליבסטער רעדאקטאָר, אָפּדרוקנ מײַנ נאָמענ

1 סאָמוכ לעיִר — נאָענט צו דער שטאָט.

אף דעם ווערטל №13, וועלכס וואקסט פון מיר און ניט פון קיינעם— איך זאָל אזוי זײַן געזונט!!!..

פון מיר מענאכעם־מענדל,
וואָס פארנעמט זיך מיט הענדל,
אײַער אבאָנענט
און שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט,
דער ראָמאַן־שרײַבער,
צום מיינכטן פאר ווײַבער,
און אמאָל א פעליעטאָן,
ווען סע קומט אים אָן,
ער האָט א שלאק א שווינגער,
און איז פאָרט א היגער...

P. S. איקער שאָקאבטי! געדענקט איר, געדענקט איר, געדענקט איר, ליבער רעדאקטאָר, וואָס איך האָב אײַך געשריבן פאראיאָרן נאָך שוועס אין א קאָרעספּאָנדענציע פון אונדזער שײנעם גוויר .H. H ? קאָן איך אײַך באַיעצט אָנזאָגן א בשורע, אז די ארענדע האָט מען שוין בא אים רעב־האשעם צוגענומען, און זײַן עלטערע טאָכטער, וועלכע קומט פאָר אין איינעם פון מײַנע ראָמאַנען אונטער דעם נאָמען „רייזעלע", האָט שוין דאנקען גאָט אָנגעטאָן א פארוק אפן קאָפּ און וויל שוין מער ניט שפּאצירן מיט אונדזערע פײַנע באָכערים אין גאָרטן זייגער 12 באנאכט. ווייסט איר זשע איבער וואָס? אנו טרעפט! — איר זענט זיך יאָ א קלוגער!.. נאָר איך קאָן אײַך מוידיע זײַן, אז פון אונדזער שטעטל וועט איר שוין באַלד באקומען, דאכט זיך, נאָך אן אבאָנענט אף אײַער ליבן „פאָלקסבלאט"; ווער דער אבאָנענט איז, וועל איך אײַך שוין שרײַבן אין דעם צווייטן בריוו. נאָר לויס־אָטע בעט איך בא אײַך, איר זאָלט זײַן אזוי גוט און ארויסשיקן מיר מײַן בריוו פון פאראיאָרן לאַנבוימער, מאכמעס די בריוו איז מיר זייער נייטיק! נאָר שרײַבט מיר באזונדער אין א בריוו אקוראט, וואָס הערט זיך עפּעס בא אײַך אין פּיטערבארג מיקוויעכ מילכאָמע, מאכמעס פון דער בלאט קאָן איך אקוראט ניט פארשטיין, און מיר איז דאָס שטארק נויגייע אין מײַן געשעפט: מײַן מיסכער איז פראָסע, נאָר פראָסע; איז דאָס פאר מיר א וואזשנער פונקט! נאָר אוואקייש שרײַבן מיר, צי גייט בא אײַך רעגנס און וואָס זאָגט עפּעס די וועלט אף הײַנטיקע פראוויליעס מיט דער נײַער פּאָלאָזשעניע? גלייבט מיר, איך וואָלט זיך שוין לאַנג דורכגעפאָרן צו אײַך, מאכמעס זינט איך לייען אײַער ליבן „פאָלקסבלאט", ציט עס מיך קעסיידער צו אײַך — איך קאָן דאָס אײַך אזוי־פיל ניט ארויסשרײַבן!..

פון מיר מענאכעם־מענדל.

P.P.S. יאָ! זאָגט מיר נאָר, הער רעדאקטאָר! וואָס איז מיט אײַך די מײַסע, וואָס איר שיקט אזעלכע קליינינטשקע ביכעלעך בײַלאַגע צום „פאָלקסבלאט"? וואָס זשאלעוועט איר פאפיר? א דרוק האָט איר באַרעב־האשעם אן אייגענע! ראָמאַנען קאָנט איר באקומען, וויפל איר ווילט! סע רײַסט פאָשעט דאָס הארץ; סע קאָסט מיך 5 קארבן א יאָר, און זינט איך לייען אײַער „בלאט", האָב איך אײַך שוין איבערגעצאָלט מער פון 30 קערבלעך! הײַנט רעכנט צו פּראָצענט, און פּראָצענט דעפּראָצענט!! מע זאָגט בא אונדז אין שטעטל, אז סע איז א סוואָרע, אז איר האָט שוין צונויפגעקליבן א היפּשע קאָפּיקע פון אונדזערע קערבלעך פון יודיש בלוט... און לעכאָפּ זשאלעוועט איר אן איבעריקן בויגן פאפיר, און „שאָלעם־אליינעם" איז בא אײַך א גאַנצער מאכער! מיר דאכט, עס וואָלט א סאך מער יוישער געווען, איר זאָלט יעדע וואָך געבן אן אנדער ווערק פון יעדער שטאָט, קעדיי אַלע זאָלן זײַן געדרוקט אין דער בלאט, וואָס עס קאָסט יעדן בלוט... אפילע אין „בריוועקאסטן" איז אויך זעלטן, אז מע זאָל קאָנען כאָטש אהין פּאָפּאדען, און אין יעדן בלאט שרײַט איר נאַ־גוואלד: „שיקט געלט!" — דרוקט אונדז, וועלן מיר אײַך שיקן געלט!.. האָט קיין פאריבל נישט, ליבער הער רעדאקטאָר: עס איז מיר שוין דערגאַנגען צום הארצן, וואָס זינט איך שרײַב צו אײַך — שוין דאָס זיבעטע יאָר — האָב איך נאָך מײַן נאָמען נישט באגעגנט; סע איז א פּארדראָסיסע זאך, כ'לעבן, א פּארדראָסיקע זאך!..

פון מיר אײַער מענאכעם־מענדל.
ריכטיק: שאָלעם־אליינעם.